בס"ד

ראש השנה
תשפ"ו לפ"ק

# בלעטלע



ארויסגעגעבן דורך קרית ברסלב בלעטל

ש. טראכטער

# קוראזש




בינו שנות דור ודור... שאל אביך ויגדך. פרעג דיין טאטע און ער וועט דיר דערציילן. היסטאריע איז אינטערעסאנט. אבער וואספארא ארט האט היסטאריע ביי ערליכע אידן? אזויווי אלעס וואס דער הייליגער רבי האט געוואלט פון אונז. לעובדא למעשה. מיר קענען שעפן אסאך חיזוק צוריקצוקוקן אין היסטאריע, איבערהויפט אין די נישט ווייטע פארגאנגענהייט און זען און לערנען וויאזוי העלדישע אידישע פרויען האבן אלעמאל פראבירט צו טון רצון ה', די בעסטע לויט זייערע אומשטענדן.

אחד היה אברהם, אברהם איז געווען איינציג. אזוי שרייבט מוהרא"ש פיל מאל אין אשר בנחל. זיי האבן געלעבט א לעבן כאילו זיי זענען איינער אליינס אויף די וועלט. ערליכע אידן האבן קיינמאל נישט געכאפט התפעלות פון "יעדן". זיי האבן געלעבט מיט'ן כלל "תורה לא תהא מחלפת", די תורה האט זיך נישט געטוישט, נישט קיין חילוק צו מען לעבט אין רוסלאנד, ארץ ישראל, פוילן אדער אמעריקע. דער אייבערשטער איז דא און ער איז אונזער בעל הבית, נאר אים דינען מיר און נאר אים דארפן מיר געפעלן.

יעצט לכבוד אומאן, ווען די מענער זענען שוין ב"ה אפגעפארן, און דו טרעפסט זיך מיט די לענגערע נעכט, זעץ זיך אנידער מיט א קאווע און שאקאלאד און לאמיר דיר צוריקפירן צו די נישט ווייטע פארגענגענהייט. באקען זיך מיט חוה, א יונג ווייבל וואס פראבירט זיך צו האלטן ערליך און פאלגן צדיקים אפילו ווען אירע ארומיגע שפעטן פון איר און זאגן איר, "היינט איז נייע צייטן. לאז אפ די פארנאטישקייטן." זיי זענען איר מסביר מיט ליצנות אז עס איז אמאל געווען א וועלט און היינט איז נייע צייטן און מען דארף "מיטגיין מיט'ן שטראם" און "פארוואס דארף זי זיין אנדערש ווי יעדן?" היינט איז די עיקר ווער עס קען מאכן אפאר דאללער, און אז עס פאסט זיך אריין אין ראם פון די תורה איז גוט, אבער אז נישט... חייך קודמין. (ח"ו)

איך מיין אז דו ווערסט געפינען אסאך ענליכקייטן צווישן חוה און דיר. דו ווערסט זען אז דו ביסט אויך א העלד. דו ווערסט זען אז זיין ערליך און טון וואס איז ריכטיג גייט געוויינליך נישט צוזאמען מיט "יעדער איז מסכים צו מיר." דו ווערסט זען אז זיין ערליך האט אלעמאל געקאסט א פרייז. און מען האט אלעמאל געלאכט פון דעם פרומען ערליכן איד. יעדע דור און יעדע מענטש האט זיך זיין נסיון. אזויווי רבי נתן האט אמאל געזאגט, "ס'איז די זעלבע מארק נאר מיט אנדערע פערד. דאס מיינט אז אויב מען קוקט אריין אין היסטאריע זעען מיר אז די סטעידש (בימה) איז אלעמאל די זעלבע, נאר די אויסשטעל, די שפילערס, די דראמע איז יעדעס מאל אביסל

אנדערש, למען הבחירה והנסיון. יעדע מענטש און אין יעדע תקופה איז די שפיל אביסל אן אנדערע בחינה, אבער די סוף איז אלעמאל די זעלבע. צו וועל איך בלייבן געטריי צום אייבערשטן. אמאל איז די נסיון פון חבר'טעס, צומאל פון משפחה, צומאל גאר פון פרומע מענטשן ארום דיר.

איך האף צום אייבערשטן אז דו וועסט שעפן חיזוק אין דיין עבודת הקודש און ווייטער טון רצון ה' און נאכגיין צדיקים און נישט כאפן התפעלות פון "די וועלט."

די ערשטע סימן אין שולחן ערוך איז שויתי ה' לנגדי תמיד. וויאזוי? זאגט דער הייליגער רמ"א: לא יבוש מפני המליגים, וויאזוי קען מען האלטן דעם אייבערשטן פאר זיך אלעמאל? אז מען שעמט זיך נישט (טראכט נישט) פון אנדערע. עס אינטערעסירט מיר נישט וואס דער שכן קלערט.



**איך בעצם, בין שוין פערציג יאר נאך מיין פטירה. (אזויוי עס איז דא א שיחה פון רבי נתן). איך טראכט פון תכלית, פון דעם ארט ווי מען קוקט נאר וואס מען האט געהאט אין האנט.**

**חזק, שוועסטער. גיי אן מיט דיין עבודת הקודש מיט א שמחה און בעט ביים באשעפער אז דו מיט דיינע דורות זאלן קיינמאל נישט אפלאזן צדיקים און זיך האלטן צו די תורה.**

...

כדי בעסער צו פארשטיין אונזער געשיכטע, וועלן מיר אלץ אן הקדמה אראפברענגען די היסטאריע פון אידישקייט אין אמעריקע בכלל, און ניו יארק בפרט.

פיל פון אונז ווייסן בכלל נישט די נסיונות וואס אידן אין יענע תקופה זענען אריבער. די הייפעלע מסירת נפש אידן וועלכע האבן זיך געשטארקט אין די תקופה בלייבן פאראייביגט אלץ העלדן אין די אידישע היסטאריע.

אידישקייט אין אמעריקע האט זיך אנגעהויבן פילע יארן איידער רוב פון די אונגארישע אידן זענען אנגעקומען אהער.

אין יאר תי״ד (למ׳ 1654) האט א קליין שיף געאנקערט אין ניו אמסטערדאם (אזוי האט ניו יארק אמאל געהייסן). דריי און צוואנציג אידישע נפשות זענען אראפגעטראטן פון שיף. עס זענען געווען דארט פיר פאר-פעלקער, צוויי אלמנות און דרייצן קינדער. דאס זענען געווען די ערשטע אידן וועלכע האבן באטראטן די אמעריקאנע ערד.

די אידן האבן זיך ארומגעקוקט צעמישט. זיי האבן נישט געוואוסט וואו זיי זענען בכלל. זיי האבן נישט ערווארטעט אנצוקומען אהער. די פלאן איז געווען אז זיי וועלן אנקומען אין אמסטערדאם, האלאנד, און אצינד זעען זיי זיך על אדמת נכר, אין א פרעמד לאנד.

די אידן זענען געקומען פון בראזיל, וועלכע איז געווען א שפאנישע קאלאני. אין יענע תקופה האבן די גרויסע לענדער פון אייראפע ״געכאפט״ קאלאניס. דאס הייסט אז די גרויסמאכטן, ווי פראנקרייך, ענגלאנד און שפאניע האבן געשיקט מענטשן (עקספלארערס) איינצונעמען לענדער פאר זייער היימלאנד. זיי האבן דערנאך אהינגעשיקט מענטשן דארט צו וואוינען און אזוי איז פארשפרייט געווארן זייער כבוד איבער די וועלט (אדער די ׳נייע וועלט׳, ווי מען האט גערופן די אמעריקאנער קאנטינענט אין יענע צייט). די קאלאניס פלעגן אפגעבן שטייערן פאר זייער מוטער-לאנד און אויך פלעגן אלע געזעצן און גזירות פון די מוטער-לאנד זיין שייך אין די קאלאניס. (קאנאדע האט באלאנגט צו פראנקרייך, דערפאר איז די הויפט שפראך נאך היינט פראנצויזיש. סאוט אמעריקא האט געהערט צו שפאניע און דערפאר רעדן זיי שפאניש און אמעריקע האט באלאנגט פאר ענגלאנד און דערפאר רעדט מען דא ענגליש.)

אונזערע אידעלעך האבן געוואוינט אין בראזיל און זענען דעריבער געווען אונטער די שפאנישע הערשאפט. די שפאנישע הערשאפט האט זיך אין יענע צייט נאכאמאל אויפגעוועקט מיט׳ן גזירות גירוש. דאס האט געמיינט אז זיי האבן פארטריבן אלע אידן פון לאנד, וועלכע האבן זיך נישט געוואלט שמד׳ן רח״ל. עס זענען געווען אידן וועלכע האבן זיך גע׳שמד׳ט נאר אויסצופאפן די גוים, אבער אינ׳אמת׳ן האבן זיי יא געהאלטן אידישקייט אין געהיים. מען האט זיי גערופן די ׳מאראנאס׳, אדער ׳אנוסים׳.

אט די דריי און צוואנציג אידן האבן אויסגעוועלט די לכתחילה׳דיגע וועג און האבן זיך ארויפגעזעצט אויף א שיף וועלכע וועט זיי פירן קיין האלאנד, וואו די גזירה איז נישט געווען אין קראפט.

אבער אינמיטן ים, איז געשען א צרה. ים רויבער האבן אטאקירט זייער שיף און איבערגענומען די מאכט. די אידן האבן זיך געבעטן דעם אייבערשטן פאר א נס. דערנאך האבן זיי פראבירט צו איינבעטן ביי די ים רויבער אז זיי זאלן זיי פירן קיין אמסטערדאם און דארט וועלן זיי באצאלן א גרויסע פרייז אויסלייז געלט. די ים רויבער האבן מסכים געווען. לפנים.

אנשטאט צו פארן קיין אמסטערדאם האט מען זיי פארפירט קיין ניו אמסטערדאם, וואס דאס איז געווען אין אמעריקע.

און אזוי האט די השגחה געפירט אז די ערשטע קערנדלעך פון א בליענדע צוקונפט פאר אידישע קינדער אין גלות איז געווארן איינגעזייעט.

...

די ערשטע הייפעלע אידן האבן זיך שטארק געמוטשעט דא. די גאווערנער פיטער סטייוועסינט (ניו אמסטערדעם האט נאך

דאן געהערט צו די דייטש, האלאנד) האט זיי פיינט געהאט און ער האט נישט געוואלט א אידישע קהילה דא. ער האט זיי דריבער אונטערגעשטעלט שווערקייטן וואו ער האט נאר געקענט. אבער די אידן האבן זיך געשטארקט און פראבירט אנצוגיין.

די ערשטע זאך האבן זיי געגרינדעט א שול מיט'ן נאמען 'שארית ישראל'. די טייטש: די איבערגעבליבענע פון ישראל. היסטאריקער זאגן אז די אידן האבן נישט גע'חלומ'ט וואס עס וועט ווערן פון זייער דארט זיין און האבן זיך פארערכנט אלץ די ערשטע און לעצטע אידן פון אמעריקע...

די שול "שארית ישראל" איז געווען א ספרד'ישע שול, ווייל אזויווי די אידן זענען געקומען פון בראזיל זענען זיי געווען ספרדים. אין אנהייב איז די שול געווען בסוד צוליב די שנאת ישראל, אבער צוביסלעך האבן זיך די גוים צוגעוואוינט און שארית ישראל איז אפיציעל געווארן די ערשטע שול אין אמעריקע.

אין יאר תכ"ד- 1664 האבן די ענגלענדער איבערגענומען און עס איז געווארן רואיגער פאר די אידן. די אידישע געמיינדע האט זיך שטייטלעך אויפגעבויעט יאר נאך יאר און זענען פארבליבן א ספרד'ישע קהילה ביז יאר 1800. עס איז נאך היינט פאראן די בית החיים פון שארית ישראל אין מאנהעטן.

עס זענען געווען אידן וועלכע זענען אריין אין די אמעריקאנער היסטאריע ביכער. (זיי זענען ליידער נישט געבליבן ערליך.) איינע אזא איד איז געווען חיים שאלאמאן, וועלכע איז אנגעקומען קיין אמעריקע אין די צייטן פון די רעוואלאשענערי קריג. ער האט זיך צוגעשטעלט צו די ליבערטי פארטיי און איז שטארק געשטאנען צו הילף פאר פרעזידענט וואשינגטאן. ער האט אויפגעטריבן 600,000 דאללער פאר די פארטיי (אזויווי 16 מיליאן דאללער היינט!) וואשינגטאן האט אים שטארק מכיר טובה געווען, און אים געפרעגט מיט וואס ער קען אים צוריקטוען, אבער שאלאמאן האט גארנישט געוואלט פאר זיך. "מען זאל טון פאר די אידישע געמיינדע." איז געווען זיין באגער.

די בריטישע מיליטער האבן געזוכט צו הרג'ענען שאלאמאן פאר'ן זיך צושטעלן צו וואשינגטאן און גיין קעגן דעם קעניג, אבער עס איז אים געלונגען צו אנטלויפן קיין פעלידעלפיע וואו ער האט געגרינדעט די קהילה 'מקוה איזראעל'.

אין די ערשטע יארן פון 1800 זענען אנגעקומען קיין אמעריקא מער און מער מענטשן און די ספרד'ישע קהילה האט זיך אויסגעברייטערט. אבער נישט נאר ספרדים זענען געקומען, עס האט זיך אנגעהויבן א פלוס פון אשכנזים און דאס האט געשאפן מיינונגס פארשידענהייטן. אשכנזים און ספרדים האבן אנדערע מנהגים, אנדערע נוסחאות פון דאווענען און אנדערע דעות! א שטיק צייט האט זיך דער עולם צאמגעהאלטן אבער אין יאר 1818 האבן די אשכנזים געגרינדעט זייער ערשטע שול, די צווייטע שול אין אמעריקע "בני ישירון". דאס איז געווען אויף 119 עלם סטריט, וועלכע איז שפעטער געווארן לאפאיעט סטריט. די אשכנזים האבן זיך אנגעהויבן צו באזעצן אין די לויער איסט סייד. דאס איז די געגנט גלייך נאך די וויליאמסבורגער בריק.

אין 1828 האט זיך שוין געעפנט די דריטע שול אויף גרענד סטריט. די שול האט געהייסן אנשי ספרד. אידישקייט האט זיך שטארק צעוואקסן. עס איז שוין דאן באשטאנען פון אפאר הונדערט אידן. קיינער האט אבער נישט גע'חלומ'ט אז צענדליגער יארן שפעטער וועט ניו יארק ווערן די גרעסטע צענטער פון אידישקייט אין אמעריקע.

אין 1840 האט די ערשטע גרויסע מחנה פון פליטים אנגעהויבן איריינצופליסן קיין אמעריקע. אין דייטשלאנד איז דאן געווען גרויסע פאליטישע פראבלעמען. די זון פונעם קעניג, די פרינצן, האבן זיך אלע אנגעהויבן צו דערקלערן אלץ קעניג און עס האט אנגעזייעט א חורבן איבער דייטשלאנד. דערפאר האבן פיל דייטשע בירגער באשלאסן צו זוכן שוץ אין אמעריקע.

איבער די נעקסטע פערציג יאר האבן אזויפיל ווי 250,000(!) אידן, זיך באזעצט אין אמעריקע און א גרויסע חלק איז געגאנגען צו די איסט-סייד. אין יענע תקופה האט מען גערופן איסט-סייד, 'קליין דויטשלאנד' צוליב די פילע דייטשע בירגער. (א בחינה ווי טשיינע-טאוין היינט).

די אידן פון דייטשלאנד האבן געגרינדעט א שול "שערי שמים" און דאן א צווייטע שול "רודף שלום." אבער אזויווי דייטשלאנד איז געווען די וויגעלע פון השכלה האבן די אידן פון דארט ליידער מיטגעברענגט זייערע פארדארבענע השקפות אהער און קאליע געמאכט א גרויסע חלק פון

אמעריקאנע אידנטום. אויך די צוויי דייטשע שולן, וועלכע זענען לכתחילה געווען ארטאדאקסיש זענען פארכאפט געווארן צו די רעפארמער און געווארן א חלק פון די נייע באוועגונג פון 'רעפארם אידישקייט'.

אצינד איז די אידישקייט אין אמעריקע געווען אויף גאר א שוואכע שטאפל. די אידן האבן זיך אריינגעלייגט אין ביזנעס און אין רייכטום. זיי האבן זיך שטארק איינגעלידערט מיט'ן אמעריקאנעם פאלק, און זיך אויסגעמישט מיט זיי רח"ל. עס איז ממש נישט איבערגעבליבן קיין ערליכע דורות פון יענע תקופה. אין א שמועס האט דער ראש ישיבה שליט"א אמאל געזאגט אז די חורבן איז געווען אז די אידן האבן נישט געהאט קיין מוסדות פאר די קינדער. אפילו די עלטערן האבן נאך פראבירט זיך אנצוהאלטן מיט זייערע מנהגים, האבן די קינדער ליידער נישט געהאט קיין ערליכע חינוך און עס איז ליידער פארפאלן געווארן אידישקייט.

נאך א זאך וואס האט שטארק אפגעשוואכט די אידן פון זייער ערליכקייט איז געווען אז זיי האבן נישט געהאט קיין דעת תורה צו וועמען זיי האבן זיך אונטערגעווארפן. אין דער "אלטער היים" (אייראפע) איז געווען אסאך קליינע שטעטלעך און יעדע שטעטל האט געהאט זיין רב. יעדע רעכטפארכטיגע, ערליכע איד האט זיך אונטערגעווארפן אונטער זיין רב און אים געפאלגט מיט א תמימות. עס איז נישט געווען א מושג, אז אויב דער רב געפעלט מיר נישט, אדער איך האב א קשיא אויף אים, טשעק איך ארויס. (גיי איך אוועק פון אים.)

ווען די אידן זענען געקומען קיין אמעריקע אין יענע תקופה, האבן זיי אראפגעווארפן דעם עול התורה (דעת תורה) פון זיך און דאס האט ליידער געפירט צו די ענדגילטיגע צוזאמפאל פון אידישקייט אין אמעריקע. (ביז דער סאטמארער רבי זי"ע איז געקומען קיין אמעריקע נאכ'ן קריג און צוריקגעשטעלט אידישקייט אין אמעריקע אזויווי אין אייראפע.)

...

אין 1847 האבן שוין געוואוינט אין ניו יארק סיטי 13,000 אידן.

אין די סוף פון 1800 יארן איז אנגעקומען די צווייטע פלוס פון אידישע אימיגראנטן. אין די תקופה פון 1880 ביז 1924 זענען געקומען אידן






פון רוסלאנד און אויך פון איבער גאנץ אייראפע. אזויפיל ווי צוויי מיליאן אידן זענען געקומען קיין אמעריקא אין יענע יארן!

אין רוסלאנד איז דאן געווען אויפ'ן טראן אלעקסאנדער דער צווייטער. אין א טאג איז ער געשטארבן. און די גוים האבן באשולדיגט די אידן אז זיי האבן גע'הרג'עט דעם צאר. זיי האבן אנגעהויבן מאכן אן א שיעור שווערע גזירות אויף די אידן און זיי געפייניגט אן א שיעור. דאס לעבן אין רוסלאנד איז געווארן שווער און אומדערטרעגליך. אזוי אויך איז דאס ארימקייט געווען גאר שטארק.

...

מענטשן האבן אנגעהויבן צו הערן שמועות פון עפעס א "גאלדענע" לאנד "אמעריקע". זיי האבן געגלייבט אלעס וואס זיי האבן געהערט. זיי האבן באמת געמיינט אז די גאסן אין אמעריקע זענען אנגעקלעבט מיט גאלד.

"אין אמעריקע קען אלעס זיין." האבן מענטשן געזאגט איינער פאר'ן צווייטן.

און דאן האבן די שיפן אנגעהויבן צו קומען אין די מאסן. איינס און נאך איינס זענען זיי אנגעקומען אין עליס איילינד, מיט האפענונגען אז געלט וועט זיי אויפנעמען מיט אפענע ארעמס.

ליידער זענען זיי ביטער אנטוישט געווארן. אין אמעריקע איז נישט געפלאסן קיין געלטער און מען האט געדארפט גאר שווער ארבעטן און פארשווארצט ווערן צו מאכן א גראשן. אויך איז אידישקייט געווען אויף גאר א שוואכע אופן. מענטשן האבן זיך ביטערלעך געווערטלט דא אז אין אמעריקע וואלגערט זיך אפשר געלט אויף די ערד, אבער ווען מען בייגט זיך אראפ עס אויפצוהייבן וואקסט א גרויסע הויקער און מען קען זיך מער נישט אויפהייבן.

אבער מיט דעם אלעם האבן מענטשן נאך אלץ אויסגעוועלט די שווערע לעבן דא, ווי איידער אין די אלטע היים, וואו מען האט כסדר געליטן פון פחד, צרות און שחיטות פון די שונאי ישראל.

אין אט די תקופה איז פארגעקומען אונזער געשיכטע. אצינד ליינט מיט הנאה!

נ.ב. די ערליכע אידן נאכ'ן קריגן זענען הערשט געקומען דא בערך דרייסיג יאר שפעטער, פון 1945 און ווייטער. דאס איז געווען נאכ'ן קריג,

ווען זיי זענען אהערגעקומען מיט'ן עולם וואס איז געראטעוועט געווארן פון די דייטשע גיהנם.

אין יענע צייטן איז שוין ב"ה נישט געווען די נסיון פון שמירת שבת און אונזערע עלטערן האבן אויפגעשטעלט א דור ישרים דא אין אמעריקע!

און אצינד... האט הנאה!

...

א קלאפ אין טיר האט זיך געהערט. חנה פריידי איז אריין.

"וואס מאכסטו באבי? וויאזוי שפירסטו?"

חנה פריידי האט זיך באקוועם געמאכט נעבן איר באבע.

באבי האכמאן האט געשמייכלט צו איר אייניקל. א ווארימע אויפריכטיגע שמייכל. "מיינע אוצרות." האט זי געזאגט, "ווי נאנט בין איך געווען אייך צו פארלירן."

אזוי פלעגט זי אלעמאל זאגן, באבי האכמאן.

חנה פריידי האט געקוקט צו איר טייערע באבע. די באבע איז שוין נישט אזוי ביי די כוחות. די לעצטע פאר וואכן ווערט זי שוואכער און שוואכער. אבער איר נשמה ווערט שטארקער און קלארער. די באבע איז נישט יונג. זי איז שוין באלד ניינציג יאר אלט.

חנה פריידי האט אלעמאל געשעצט איר באבע. די באבע איז געווען א קלוגע, אן ערליכע. פאר די באבע קען זי דערציילן. די באבע וועט איר פארשטיין. די באבע וועט וויסן וואס איר צו זאגן.

"באבי, איך בין אזוי צעריסן. איך ווייס נישט וואס צו טון."

"וואס גייט פאר?" פרעגט די ערליכע באבע חוה מיט אפענע זארג.

"מיין מאן. ער האט געטראפן אן ערליכע איד. אן ערליכע פלאץ. עס מאכט אים בעסער, ערליכער."

"אוי ווי טייער." זאגט די באבע מיט שטאלץ.

"עס... אבער... אבער... איך ווייס נישט... מען לאכט פון מיר, מען טרייבט שפאס. איך ווייס נישט. ברסלב. אומאן. איך ווייס נישט. איך בין צעמישט. פון איין זייט, ווייס איך וואס דער אייבערשטער וויל, פון די צווייטע זייט, בין איך אזוי צעפליקט. מיינע פריינד, מיינע ארומיגע, איך ווייס נישט. איך ווייס אליינס נישט אויב איך בין ביי די אמת. באבי, וואס איז ריכטיג? וואס טוט אן ערליכע פרוי? וואס וויל דער אייבערשטער פון מיר?"

די באבע האט פארמאכט אירע אויגן. זי איז צוריקגעשווימען זיבעציג יאר. אויך זי איז געווען א יונג ווייבל אזויווי חנה פריידי. אויך זי האט געדארפט אויסוועלן צווישן חבר'טעס און געזעלשאפט אדער טון וואס דער אייבערשטער וויל.

די נסיונות זענען געווען אנדערש, אזוי גייט עס אלעמאל. עס איז קיינמאל נישט די זעלבע, ווען יא וואלט נישט געווען קיין בחירה. אבער די שפיל איז געווען די זעלבע.

א בחירה.

צו וועט חנה פריידי קענען בוחר זיין בטוב?

זעץ זיך אנידער, חנה פריידי, איך וויל דיר דערציילן די געשיכטע פארוואס דו זיצסט היינט דא און פארוואס דו ביסט זוכה אז דיין טייערע ערליכע מאן זוכט תכלית.

...

תרמ"ח 1888

חוה האט געשטויסן א קליינע שטיינדל אין די טרוקענע ערד. א קליינע וואלקן פון רויעך האט זיך אויפגעהויבן. זי האט געקוקט אויף די קליינע וואלקן און זיך אנגערופן פארטראכט צו זיך אליינס, "אויך צו דיר וועל איך זיך בענקען."

זי האט זיך ארומגעקוקט. די וועטער איז נאך געווען אביסל קיל. אפשר וואלט זי געדארפט אנטון א סוועטער. עס איז דאך נאך חודש ניסן. און די זומער שטייט שוין ביים שוועל. די ביימער הייבן שוין אן אביסל צו בליען.

אבער ביי חוה שפירט זיך נאך אביסל ווינטער אויפ'ן הארץ. א בריוו וואס איז לעצטנס אנגעקומען אויף די פאסט האט איר געמאכט אומעטיג אויפ'ן הארץ. איר טייערע מאן נחום, קוים אפאר חדשים פון די חתונה, האט זיך פארפלאנטערט מיט די רעגירונג.

ווען ער איז געווען א בחור האט ער זיך ארויסגעדרייט פון מיליטער דינסט, אבער יעצט האבן זיך פריש פארלייגט אויף אים. זיי זענען נאכגעגאנגען זיינע שפורן און זיך דערוואוסט אז ער איז יא געזונט און שטארק און פעאיג צו דינען אין מיליטער. ער דארף זיך שטעלן צום מיליטער

פאר נאך דריי און א האלב יאר.

א סקרוך איז איר אריבער אין די ביינער. חוה ווייסט וואס מיליטער דינסט מיינט, אפגערעדט בגשמיות. זי ווייסט אז דאס מיינט אויך א רוחניות׳דיגע טויט.

זי האט עס ליידער מיטגעלעבט פון דער נאנט.

...

חוה האכמאן איז אויפגעוואקסן אין דאשוב, רוסלאנד. זי האט דארט געלעבט נאך איידער די ק.ג.ב. האט איבערגענומען די מאכט. זי האט נאך געלעבט אין די שרעקליכע צייטן ווען מען פלעגט פארכאפן קינדער אין די רוסישע ארמיי פון וואו זיי פלעגן ליידער רוב נישט צוריקקומען ווי אידישע קינדער. ערליכע אידן פלעגן טון אלעס וואס איז נאר מעגליך זיך ארויסצודרייען פון מיליטער דינסט, אבער די רשעים האבן דוקא געלאקערט נאך די אידישע נשמות און זיי מיט צוואנג געשלעפט אין מיליטער. זיך ארויסצודרייען פונעם מיליטער האט געמיינט ארויסגעבן אויף זיך א טויט אורטייל און די אידן האבן נעבעך נישט געוואוסט וואס איז ענדערש.

זאלן זיי זיך אויסשטעלן צו די אומגעהויערע און ממש אוממעגליכע נסיונות פונעם מיליטער אדער זיך לאזן פירן צו די תלי׳...?

די רוסן פלעגן ארויסגעבן א גזירה אז פון יעדע געגנט דארפן זיך שטעלן א געוויסע צאל בחורים. איז ווער דריידט זיך ארויס און ווער גייט? דאס איז געווען א ביטערע גזירה, ווייל קיינער האט דאך נישט געוואלט אריין שטעלן זיין זון אין מיליטער. דאן פלעגט די מיליטער קומען און אנהייבן כאפן קינדער, כדי אנצופילן די ׳קוואטא׳ די צאל וואס האט זיי אויסגעפעלט.

חוה געדענקט מיט אנגסט די טאג וואס איר באליבטע ברודער שלמה איז פארכאפט געווארן צום פארשאלטענעם מיליטער.

אין א רעגנדיגע פארמיטאג, ווען שלמה איז געווען אויפ׳ן וועג צום בית המדרש, ווען ער האט פלוצלינג געהערט א שטארקע גערויש. שלמה איז אויפגעשפרינגען מיט שרעק.

נאך איידער ער האט אנגעיאגט צו כאפן וואס דא גייט פאר, האט אים א פעסטע האנט אנגעכאפט.

״דו קומסט מיט אונז.״ האט א מערדערישע שטימע אים געמאלדן.

שלמה איז בלאס געווארן. די כאפערס זענען געווען אין שטאט. פון אלע זייטן האט מען געזען ווי קינדער לויפן מיט די נשמה אין די הענט. אבער עס איז געווען צו שפעט. אן רחמנות האבן אים די כאפערס אהיימבאגלייט אז ער זאל נעמען זיינע פאפירן און זיינע וויכטיגסטע זאכן.

די מאמע האט היסטעריש געוויינט. זי האט זיך געבעטן צו די רשעים, ״לאזט אפ מיין קינד, מיין אוצר.״ זיי האבן געלאכט א רשעות׳דיגע שמייכל און אונטערגעיאגט דעם פארלוירענעם שלמה. דער טאטע איז דאן נישט געווען אין שטוב און האט זיך ניטאמאל געקענט געזעגענען. די מאמע האט זיך געשטיקט. ״שלמה, בלייב א איד.״ האט זי זיך געבעטן.

און דאן איז ער פארשוואונדן. מען האט נישט געהערט קיין שום גריס פון שלמה. עס איז אריבער א וואך און חודש און א יאר. פינף פיינפולע, שווערע יאר איז אריבער אויף די וויינבערג משפחה.

פינף יאר פון אומעטיגקייט, זארג און כסדר׳דיגע האפענונג אויף זיין וואוילזיין. פינף יאר וואס די וויינבערג משפחה האט נישט עספיעט צו פארגעסן אפילו איין טאג.

און דאן אין א העלן טאג האט זיך געהערט א לייכטן קלאפ אין טיר. חוה איז צוגעגאנגען און געעפנט מיט פארדאכט. פאר איר איז געשטאנען א ברייט ביינערדיגן מאן אנגעטון אין מיליטערישן מונדיר. חוה האט זיך דערשראקן און איז שנעל אנטלאפן אונטער די טיר. דער סאלדאט האט אבער נישט אויסגעזען סאדיסטיש אדער שלעכט, ער האט אויסגעזען עטוואס נידערגעשלאגן און צובראכן. חוה האט זיך געוואונדערט דערויף. דאן האט ער איר דערשראקן מיט א שוואכע שמייכל, ״חוה,״ האט ער געזאגט, ״איז די מאמע אין שטוב?״

חוה האט ארויסגעלאזט א געשריי. זי האט נישט דערקענט איר ברידער. פארנט פון איר איז געשטאנען א טיפישע סאלדאט. פארשוואונדן איז געווען יעדע צייכן פון איד. דער סאלדאט פאר איר איז ערשינען אן קיין קאפל, אן קיין פאות, און אן קיין ציצית, און אויך אן חיות און לעבהאפט. דאס איז נישט געווען דער זעלבער שלמה וואס האט זיי פארלאזט מיט מסירת נפש פאר פינף יאר צוריק. די זכרונות האבן אויפגעשטורעמט מיט זייער גאנצע קראפט. חוה האט פארדעקט איר פנים און איז פארגאנגען אין א געוויין. נאך אפאר



מינוט האט זי זיך געכאפט אז איר ברודער שטייט נאך אלץ הילפסלאזביים טיר און ווארט אויף איר אנטווארט.

"שלמה," האט זי שטיל געזאגט, ווישנדיג די אויגן, "קום אריין. די מאמע איז יעצט נישט דא. זי איז ביים מילכיגער. אבער קום אריין אין שטוב און זעץ זיך. איך וועל דיר אנווארעמען א גלעזל טיי כדי דו זאלסט זיך דערווארעמען די ביינער."

שלמה איז אריינגעקומען און זיך ארומגעקוקט. "די שטוב האט זיך נישט געטוישט." האט ער קאמענטירט. "נאר אביסל עלטער געווארן." חוה האט זיך ארומגעקוקט פארלוירן. וואס רעדט מען מיט א ברודער וואס מען האט שוין נישט געזען פינף יאר און זעט שוין נישט אויס ווי דעם טאטנ'ס א קינד?

און דאן האט זיך געהערשט א גערויש ביים טיר. די דיקע און אויסגעהארוועטע טריט פונעם טאטן איז געווען גרינג צו דערקענען. דער טאטע איז געבליבן שטיין ביים שוועל, צעמישט און דערשראקן.

"וואס גייט דא פאר?" האט דער טאטע געפרעגט דערשראקן, זעענדיג זיין באליבטע חוה, זיצן אין שטוב מיט א שגץ. "חוה??!..." דער טאטע האט אויסגעזען דערשראקן אבער שטרענג.

"טאטע, זארג נישט," האט חוה זיך עטוואס פראבירט צו האלטן רואיג. זי האט געוואוסט אז א שטורעם וועט נאכפאלגן אירע קומענדיגע ווערטער.

"טאטע, דאס איז שלמה."

שטיל. שאק. שמחה. טרויער. צעמישט.

"אה... שלום עליכם שלמה." האט דער טאטע ענדליך געזאגט.

שלמה האט אויסגעשטרעקט א ציטערדיגע האנט, "עליכם השלום." האט ער שטיל געענטפערט.

דער טאטע האט אים אפגעמאסטן מיט א דורכדרינגליכע בליק. "ב"ה. איך פריי זיך דיר צו זען צוריק. געזונט און שטארק." האט דער טאטע ענדליך געזאגט מיט אן אמת'ע שמייכל. שלמה האט גארנישט געענטפערט.

"עס איז געווען שווער, טאטע." האט ער שטיל געזאגט. פאר חוה האט זיך געדאכט אז זיין קול איז אביסל געשטיקט. "זייער שווער. אוממעגליך." האט ער צוגעלייגט נאך שטילער.

דער טאטע האט גארנישט רעאגירט, נאר טיף מיטגעקרעכצט.

ווען די מאמע איז אהיימגעקומען און געהערט די נייעס, האט זי אויסגעבראכן אין א געוויין פון שמחה. "מיין טייערע שלמה. מיין מסירת נפש קינד." האט זי געוויינט און אים געהאלזט.

מאמושקע האט נישט פארגעסן. שלמה האט זיך ערלויבט א קליינע שמייכל זעענדיג זיין מאמע'ס ווארעמקייט און הארציגקייט, אבער נאר א קליינע שמייכל. דערנאך איז ער צוריק געווארן ערנסט. די מאמע האט זיך געשטעלט קאכן א גרויסע סעודה לכבוד זיין אהיימקום און שלמה איז ארויס פון שטוב. חוה איז אים שטילערהייט נאכגעגאנגען. זי האט געוואלט זען וואו ער גייט. זי האט געוואלט רעדן מיט אים.

שלמה האט געווענדעט זיינע טריט צום בית המדרש. ער האט געוואלט טרעפן זיינע אלטע חברים. ער האט געפונען לייבל, וועמען מען פלעגט רופן 'דער ל"ו צדיק'. לייבל האט זיך שטענדיג געפונען צווישן די ווענט פון בית המדרש.

חוה האט אריינגעקוקט פון א שפאלט און מיטגעהאלטן די שמועס.

"לייבל?" האט שלמה זיך געווענדט צו אים



מיט א שטילע צובראכענע קול. לייבל האט אויפגעהויבן זיינע אויגן און זיך דערשראקן. שלמה האט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט.

אן קיין הקדמות האט ער געזאגט, "איך בין שלמה." כאילו איינער זאגט יעצט, 'היינט איז דינסטאג.'

לייבל איז געכאפט געווארן אין שאק. אויך ער האט זיך דערשראקן פון זיין אויסזען. פאר פינף יאר צוריק איז א חסידישע שלמה אים געלאפן ראטעווען און לײדער יעצט... האט די מיליטער געטוהן זיינס.

שלמה האט געהאט א שטילע שמועס מיט לייבל, וועלכע חוה האט נישט געקענט מיטהאלטן. עס האט אויסגעזען ווי שלמה רעדט זיך אויס דאס הארץ און זי האט דערקענט טרערן אין לייבל'ס אויגן. נאך א קורצע ווערטער אויסטויש איז שלמה ארויס מיט א געבויגענע רוקן. חוה האט עס נישט אויסגעהאלטן. חוה האט ווייטער שפיאנירט און איז נאכגעגאנגען איר ברודער אפאר טריט אפגערוקט. ווען חוה האט געזען אז די גאס איז ליידיג פון מענטשן, האט זי געשושקעט, "שלמה..."

שלמה האט זיך דערשראקן און שנעל אויסגעדרייט. זעענדיג זיין שוועסטער האט ער זיך צושמייכלט. "שלמה," האט זי געזאגט מיט א געשטיקטע שטימע, "איך האב זיך אזוי געבענקט נאך דיר. דו ביסט מיין גרויסער ברודער."

שלמה האט געשמייכלט. אן אמת'ע ווארעמע שמייכל. "איך האב זיך אויך געבענקט נאך אייך אלע."

"זאג מיר, שלמה," האט חוה געשפינט די שמועס, "וויאזוי איז געווען אין מיליטער?"

שלמה'ס געזיכטס אויסדריקן האבן זיך געטוישט. ער האט צאמגעצויגן זיין שטערן און אויסגעגליכן זיין רוקן, "חוה, עס איז געווען שווער, זייער שווער. אבער," ער האט אויסגעקלארט זיין קול און געלייגט זיין פינגער אויף די ליפן, "איך וויל נישט רעדן דערפון. איך בעט דיר, טראכט נישט דערפון און רעד נישט דערפון."

חוה האט זיך איינגעצויגן. זי האט פארשלינגען א קנויל און איז שווייגענדיגערהייט אהיים מיט אים.

די מאמע האט זיי אפגעווארט מיט א פיינע, רייכע נאכטמאל און אויפגענומען שלמה מיט גרויס כבוד. זי האט אים איידל געגעבן א קאפל צוצודעקן זיין קאפ און שלמה האט דאס גענומען מיט ווייניג חשק. חוה האט געקוקט מיט שרעק וויאזוי שלמה האט געגעסן אן א ברכה. זי האט זיך געציפט צו זען אויב דאס איז אמת. א בליק אויף איר טאטנ'ס געזיכט האט איר אנטפלעקט אז ער טראכט די זעלבע.

די קומענדיגע טעג האבן לײדער געוויזן אז שלמה איז שוין נישט שלמה פון פינף יאר פריער. די מיליטער האט אים לײדער פארשלעפט און ווי גוט און וואויל זיין הארץ איז געבליבן איז לײדער זיין נשמה געווארן פארשלעפט. ער האט פארברענגט זיינע טעג אין שענק הייזער, וועלכע איז ווייט נישט געווען די גייסט פון די וויינבערג שטוב. דארט פלעגן זיך צוזאמקומען פיל געוועזענע סאלדאטן, אלע אין דעם זעלבע מצב. דארט האט זיך שלמה געשפירט באקוועם. מען פלעגט דארט שמועסן פאליטיק פונעם לאנד, געלט ענינים, וועלטליכע ענינים און רייכערן ציגארעטלעך. קיין דבר תורה איז פון דארט נישט ארויס.

שלמה פלעגט ביי נאכטמאל מיטטיילן וואס מען האט דארט געשמועסט. "די סאציאליסטן וועלן איבערנעמען די לאנד." האט ער פייערליך געמאלדן.

"אך", האט דער טאטע עס אוועקגעמאכט, "רעד נישט נארישקייטן. אפאר יונגע חברה האבן אזוי אפגעמאכט און ביי דיר ווערט עס א פאקט?" האט זיך דער טאטע זיך גערעגט. אבער שלמה האט זיך געהאלטן ביי זיינס.

"די חברה ווייסן." האט ער געזאגט מיט זיכערקייט.

קיינמאל פריער האט נאך קיינער נישט געזאגט א ווארט קעגן טאטן. אצינד האט זיך שלמה ארויסגעשטעלט. יעדער איז געווען שאקירט, אפילו דער טאטע. אבער קיינער האט גארנישט געזאגט. אויב האט מען נאך געקלערט אז דאס איז א טעות, האט זיך ארויסגעשטעלט דורכאויס די נאכטמאל אז די מיליטער האט אים אויך איינגעבאקן חוצפה...

אזוי פלעגט שלמה אהיימקומען מיט נייעס יעדן טאג. איין טאג האט ער פארציילט פון אן אויפשטאנד און ווען מען האט איינגעזעצט. א צווייטע טאג איז ער אהיימגעקומען אויפגעהייטערט נאכ'ן הערן א פייערליכע דרשה

קעגן די לאנד.

די מאמע האט מורא געהאט, "שלמה, שטיי ווייט פון די חברה." פלעגט זי זיך בעטן. אבער שלמה פלעגט איר בארואיגן מיט א געלעכטער, "האב נישט מורא מאמע. עס קומען נייע צייטן. מיר ועלן באזיגן."

חוה האט זיך געשפירט אומבאקוועם ווען שלמה פלעגט אזוי רעדן. בפרט, ווען ער פלעגט רעדן פון די חברה אלץ "מיר". דאס האט געמיינט אז שלמה איז אפיציעל א חלק פון די באוועגונג.

מיט די צייט האבן זיך אלע צוגעוואוינט צו די נייע שלמה. שלמה ווייסט, שלמה קען און שלמה זאגט.

...

חוה האט זיך אויפגעוועקט פון אירע אומעטיגע מחשבות. זי האט זיך ארומגעקוקט. זי איז געשטאנען אין הויף פון איר שטוב. זיי האבן געוואוינט אין א קליינע באשיידענע הייזקע. זי האט געוואוינט אין א חצר מיט נאך משפחות, נאך יונגע ווייבלעך ווי איר. די שטעטל דאשטוב איז געווען איר לעבן. דא איז זי געבוירן, דא איז זי אויפגעוואקסן, דא האט זי חתונה געהאט. און אצינד... אפשר... וועט זי זיך דארפן געזעגענען?

נחום, איר מאן, דער צדיק, ער דארף גיין אין מיליטער? קיינמאל! דאס קען נישט פאסירן. אבער די בריוו וואס זיי האבן באקומען פאריגע וואך ווארנט אז עס קען יא פאסירן.

נחום איז געווארן אומרואיג. וואס וועט דא זיין. זיין לעבן איז אלעמאל געווען ארום די תורה און אצינד אז ער איז שוין ב"ה זוכה אויפצושטעלן א שטוב, ווי קען ער קלערן פון אזא גזירה.

זיינע פיס זענען פון זיך אליינס אריבער צום רב. ער וויל הערן וואס דער רב וועט אים זאגן צו טון.

דער רב האט זיך פארטראכט און אים געזאגט אז דאס איז באמת א סכנה. מען מוז זען צו אנטלויפן.

"וואו?" האט נחום געפרעגט.

דער רב האט זיך ווידער פארטראכט און מיט א פארקלערטע בליק געזאגט, "אמעריקע."

"אמעריקע?!" האט נחום איבערגעפרעגט שאקירט, "אינעם עם ריקא (פוסטע לאנד)?"

"אמעריקע." האט דער רב איבערגעזאגט.

נחום איז ארויס פון רב'ס שטוב. זיין קול האט געציטערט ווען ער האט דאס דערציילט פאר זיין יונגע שנה ראשונה ווייב.

"חוה, דער בריוו...?"

"יא, וואס וועט טאקע זיין?"

נחום האט אראפגעקוקט. ער האט געקראצט א שטיקל האלץ פון זייער קליינע באשיידענע טישל.

"איך בין געווען ביים רב."

חוה האט אויפגעהויבן אירע אויגן. "טאקע? און וואס האט ער געזאגט?"

"איך מיין דו ווילסט נישט וויסן." האט ער זיך געוווערטלט.

חוה איז געווארן אנגעשפיצט. "זאג מיר, נחום."

"דער רב האט געזאגט מיר זאלן זיך ציען קיין אמעריקע."

שאק. שטיל.

חוה האט פראבירט עפעס צו זאגן אבער איר קול האט זיך פארהאנקעט און מער ווי א מאדנע קרעכץ איז נישט ארויס קיין שום קול.

"איך קען נישט טראכטן דערפון." האט נחום געזאגט מיט א געבראכענע שטומע.

"איך בין אזוי צוגעקלעבט צום רב, צו מיין בית המדרש און מיינע ספרים. וויאזוי קען איך, אן אברך, א כולל יונגערמאן זיך אזוי איבערפלאנצן, און אריבערציען זיך צו א פלאץ ווי רוב מענטשן מאכן עס ליידער נישט ברוחניות?"

"אפשר פרעג איבער?" האט חוה פראבירט.

"איך האב צוויי מאל געפרעגט." האט נחום געזאגט.

"וויאזוי גייט מען צו דערצו?" האט חוה פראקטיש געפרעגט.

"איך האב זיך אביסל נאכגעפרעגט, נישט צופיל, ווייל ווי דו פארשטייסט דארף די גאנצע עסק אריבערגיין בשתיקה. עס טאר נישט אנקומען צו אומגעוואונטשענע אויערן. אויב די רעגירונג הערט חלילה דערפון, קענען מיר אלעס פארלירן.

צום ערשט, דארפן מיר אסאך אסאך תפילה. חוה, איך מיין עס ערנסט. דערנאך דארפן מיר ארבעטן אויף א קרוב אין אמעריקע. די אמעריקאנע רעגירונג וויל נישט אימיגראנטן וואס

וועלן זיי פאלן צולאסט. ממילא דארפסטו האבן א קרוב וואס וואוינט שוין דארט און האפט פאר דיר אז דו ביסט אנשטענדיג און אז דו וועסט ברענגען א ריוח פאר׳ן לאנד. דער קרוב דארף זיין גרייט דיר צו העלפן זיך איינצוגלידערן און מסדר זיין. איך האב געטראכט פון שלום אייזנבערג׳ס זון, מנשה. ער איז א וואוילער און אן איידעלער. ער וועט אונז זיכער העלפן. איך האב אים שוין אפילו געשריבן א בריוו. איך האף צום אייבערשטן אז מיר וועלן שנעל צוריקהערן פון אים.

חוה האט באשלאסן אריינצולייגן אביסל קינדערישע לעבהאפט אין איר קול.

„נחום, עס וועט זיין פאר אונז אן איבערלעבעניש. א נייע לאנד, א נייע קולטור. מיר זענען נאכנישט געפארן אויף וואקאציע זייט די חתונה!” האט זי זיך געוויצלט.

נחום האט שוואך מיטגעשמייכלט. נחום האט געוואלט זיין גמרא מיט זיין שטענדער. דאס איז געווען זיין עולם הזה!

באמת האט חוה דאס נישט געקענט פארנעמען. אויך זי האט געוואלט בלייבן נאנט צו משפחה און פריינט. אבער אז דער רב האט געזאגט, מוז דאס זיין גוט פאר זיי. דא אין דאשוב איז נישט שייך צו בלייבן. אויך נישט אין די ארומיגע שטעט, די צאר׳ס שלוחים גרייכן זייער ווייט. מען מוז נעמען א שיף צום אנדערן זייט וועלט זיך צו קענען ארויסדרייען דערפון.

ווען חוה האט איינגעמאלדן פאר אירע עלטערן און אירע שוויגער עלטערן אז זיי פלאנען זיך צו שיידן, האבן זיי עס אויפגענומען זייער שווער. אפשר זאל מען יא איבערפרעגן. אפשר באגייט מען א נארישקייט? אפשר איז עס א טעות?

חוה האט זיך געטראפן אליינס. סיי עס איז איר באמת געווען שווער זיך צו שיידן און סיי זי האט באקומען די געפיל אז אפשר טוט זי נישט ריכטיג.

דערוויל רוקט זיך די צייט, א וואך און א וואך און א חודש און נאך איינס אבער א בריוו פון אמעריקע איז דערוויל נישט געקומען. חוה האט באשלאסן אז דערוויל איז כאילו אלעס איז בסדר. זי וועט נישט טראכטן דערפון ביז עס קומט למעשה.

אבער די שפיל האט זיך שנעל געענדיגט. אירע חלומות זענען שנעל צובלאזן געווארן. אין א טאג קומט נחום אריין אין שטוב. זיין געזיכט איז בלאס ווי דער וואנט.

„חוה.” זאגט ער שוואך, און ווארפט אראפ א בריוו פון האנט.

א בריוו פון די רעגירונג. „אוי באשעפער.” קרעכצט חוה.

זי הייבט אויף די בריוו מיט די שפיץ פינגער, כאילו עס האט אויפרייס מאטריאל.

„ביז צוויי וואכן ווערסטו פאלאנגט זיך צו שטעלן צו מיליטער דינסט. געדענק, די שטראף פאר׳ן זיך נישט שטעלן צום צאר׳ס ארמיי - איז טויט.”





קאלט, קורץ און טריקן און געזיגלט פון צאר׳ס קאנצעליי.

"דער אייבערשטער וועט אונז נישט פארלאזן." האט חוה געטראפן די כוחות צו זאגן.

נחום איז געזעצן קעגן חוה. זיי זענען געווען שטיל. עס איז נישט געווען צופיל וואס צו זאגן. פלוצלינג הערט זיך א קלאפ אין טיר. די האכמאן׳ס האבן זיך זייער דערשראקן.

"איך וועל צוגיין." האט חוה אנגעטראגן, "מען קען נישט וויסן."

חוה האט געעפנט די טיר בלויז א שפאלט, און האט עטוואס אפגעאטעמט. "דער פאסט טרעגער." האט זי געמאלדן פאר נחום.

"וואס קומט יעצט?" האט נחום געפרעגט עטוואס מיואש.

"גוטע נייעס." האט חוה געזאגט מיט א געמאכטע שמייכל. אבער גאנץ שנעל איז די געמאכטע שמייכל געווארן אן עכטע שמייכל.

ווען זיי האבן געעפנט די בריוו האבן זיי דערזען אז דאס איז א בריוו פון מנשה אייזעבערג. ער לאדנט זיי איין בכבוד גדול און נעמט זיך אונטער זיי צו מסדר זיין מיט וויפיל ער וועט קענען.

"קוק ווי דער אייבערשטער איז גרויס און פארלאזט אונז נישט." האט נחום אויסגערופן איבעראשט.

"יעצט לאמיר דאס גוט געדענקען דורכאויס אונזער רייזע פון לעבן." האט חוה צוגעלייגט.

פון דא אין ווייטער האבן זאכן אנגעהויבן זיך רוקן ווי א שטראם וואסער. נחום האט מסדר געווען די בילעטן און חוה איז געווען פארנומען מיט צאמפאקן איר דירה׳לע, איר לעבן, איר יוגנט און זיך גרייטן פאר א רייזע איבער׳ן ים.




אויך האט זי פראבירט צו האלטן די גאנצע עסק שטיל כדי עס זאל נישט אנקומען צו אומגעוואונטשענע אויערן. דאס האט איר היבש שווערער געמאכט דאס געזעגענען זיך.

זי האט זיך ארומגעקוקט אין איר באשיידענע דירה'לע. איר דירה איז געווען קליין. צוויי צימערן אבער מלא חן. זי האט באטראכט די פירהענגלעך וואס זי האט געשטיקט לכבוד איר חתונה מיט אירע חבר'טעס. זיי זענען געזעצן אין דיווארימע זומערדיגע נאכמיטאגס און געשטיקט אביסל און אביסל און דערוייל האבן זיי גערעדט שיינע התחזקות אויף בויען א אידישע שטוב, אויף די כח פון א אידישע מאמע.

חוה האט צוריקגעטראכט צו יענע זארגלאזע מינוטן. האט זי דעם געטראכט אז עס וועט קומען א טאג אין די נישט ווייטע צוקונפט וואס זי וועט זיך דארפן שיידן פון יעדן און פון אלעס.

א קול האט זיך געהערט פונדערוויטנס. יעקל די אייער סוחר איז דא. חוה האט זיך איינגעקוקט. דאס וועט זי אויך מער נישט זען. פלוצלינג איז יעדע קליינע איינצלהייט געווארן א נאסטאלגישע מאמענט פאר איר.

חוה האט באטראכט די גאס פארנט פון איר שטוב, "וויאזוי זעט אויס אמעריקע? וואוינט מען דארט אויך אזוי אין א הויז מיט קליינע באשיידענע הייזקעלעך? דארט שפאצירן אויך ארום די זיסע הינדעלעך? איך וואונדער זיך וויאזוי די פרויען שמועסן און וואס זיי שמועסן דארט? וואס איז אמעריקע?"

חוה האט אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל. איין זאך איז זיכער, דער באשעפער איז איבעראל סיי אין דאשוב און סיי אין אמעריקא. קיין חילוק וואס און ווען און וואו.

זי האט געהערט א גערויש נעבן זיך. זי האט אויפגעהויבן די אויגן און געזען נחום שטיין נעבן איר. זי האט געשמייכלט צו אים און זיך אויפגעהויבן. צוזאמען זענען זיי אריין אין שטוב.

"איך בין געווען ביים רב בעטן א ברכה."

חוה האט זיך צעשמייכלט. עס האט איר אלעמאל ווארעם געמאכט אויפ'ן הארץ ווען איר מאן איז געווען ביים רב.

"וואס האט דער רב געזאגט?" האט חוה געוואלט וויסן.

"דער רב האט מיר געזאגט אז איך זאל זיך נישט רירן פון וואס איך האב דא געטון. איך זאל נישט צורירן א קוצו של יוד. און איך זאל זוכן ערליכע פרומע אידן און ערליכע דעת תורה."

חוה האט דאס אריינגענומען אין הארץ. דער רב האט געזאגט "זיך נישט רירן מיט קיין איין מנהג און הלכה. לעבן מיט א דעת תורה."

חוה איז אסאך געזעצן ביי אירע עלטערן און פארברענגט. זי איז נאך געווען אזוי יונג, קוים חתונה געהאט און אט דארף זי זיך שוין געזעגענען פון אירע נאנטסטע און טייערסטע.

"זאג מיר צו דו וועסט שרייבן בריוו, כאטש איינמאל א וואך." האט די מאמע געבעטן. חוה האט דאס פארשפראכן.

אויך מיט אירע חבר'טעס האט זי זיך

שטילערהייט געזעגנט. זי האט דאס געמאכט אן קיין דראמא. זיי האבן איר אפילו א טראפ מקנא געווען.

"איך הער זאגן," זאגט איר צארטל, "אז אין אמעריקע זענען די ווענט געקאלעכט מיט גאלד."

"נישט ריכטיג," האקט ביילא אריין, "מען זאגט אז עס וואלגערט זיך גאלד אויף די ערד."

די אנדערע האבן געקוקט מיט שעצונג און קנאה. "חוה, וועסט ווערן א פרינצעסן."

חוה האט אראפגעלאזט די אויגן. "איך ווייס נישט. איך וויל ערליכע דורות."

"נו, וועסט האבן תורה וגדולה במקום אחד." האט צארטל אריינגעהאקט.

חוה האט נישט געענטפערט דערויף. אירע מחשבות זענען געווען ביים רב. זי האט געוואוסט אז זי וועט דארפן שטארקע התחזקות. איר הארץ האט איר פאראויסגעזאגט אז זי וועט דארפן אנהאלטן אירע פרינציפן מיט ציין און נעגל.

ענדליך איז די טאג אנגעקומען. עס איז געווען א זוניגע טאג סוף חודש סיון, ווען א באשיידענע געמיינדע, וואס האט נישט געזוכט צו שאפן פרסום האט ארויסבאגלייט די יונגע האכמאן משפחה. די צעשיידונג איז געווען שווער, ספעציעל פאר טאטע און מאמע.

"מיר וועלן דאווענען פאר אייך." האט די מאמע געזאגט. "בלייבט פרום." האט איר קול געשטיקט. אויף דער טאטע האט דאס געווען שווער. ער האט געדרוקט די האנט פון נחום. "ביסט מיר זייער טייער. בלייב ערליך."

נחום האט צוריקגעדרוקט זיין האנט, "איך זאג צו. איך זאג צו."

...

זעכצן טעג. אזוי לאנג האט געדויערט די נסיעה קיין אמעריקע. עס איז נישט געווען קיין גרינגע רייזע. אינצווישן איז חוה געווארן שוואך פון ים קרענק. די כוואליעס האבן געראשט און די געמיטער זענען געווען פארוואלקנט. אבער ענדליך האבן זיי געהערט פריידיגע אויסרופן פון דעם דעק פון שיף. מען האט שוין געקענט מיט א קוקער אריינקוקן און זען פונדערווייטנס דעם באקאנטן "אמעריקאנע באבע מיט די הענט אין די הייעך." (סטאטוע אוו לעבירטי).

עס איז אנטשטאנען א מהומה אויף דעם שיף.

"דא!"

"ניין דארט."

"אויף די רעכטע זייט."

די קולות פון די פאסאזשירן האבן אויסגעדרוקט זייער איבעראשונג. אין דעם ווייטן האריזאנט האט זיך אנגעזען א קליין געשטאלט. אפאר מענטשן האבן געוואוסט צו זאגן אז דאס איז די "סטעטשו אוו ליבערטי."

"דערמיט דרוקט אמעריקע אויס איר ווילינקייט אריינצונעמען פליטים פון ארום די וועלט." האט א נידריגע ברייט-ביינערדיגע מאן, מיט רינדיגע גלעזער מסביר געווען פאר די ציבור.

"יא," האט א צווייטער צוגעלייגט, "איך האב געהערט אז זיי האבן עס באקומען א מתנה פון פראנקרייך."

דער עולם האט געקוקט צו די צוויי 'געלערנטע' מיט רעספעקט.

נאך צוויי שווערע וואכן איז די רייזע ענדליך געקומען צו אן ענדע. דער עולם איז ארויף אויפ'ן דעק מיטצוהאלטן די ערשטע סצענעס פון אמעריקע.

"נאך בערך זעכציג מייל." האט איינע פון די איינגעשטעלטע געמאלדן פאר דעם איבעראשטן עולם.

די מענטשן זענען געשטאנען איבערגעבויגן און פראבירט צו כאפן א בליק. טייל האבן געוויינט, טייל האבן געשאלט, און טייל האבן געקוקט צו די נייע מדינה מיט האפענונג. אלע צוגלייך אבער, זענען געווען איבערגענומען. יעדער אויף זיין אופן.

די מאנשאפט פון שיף האבן אנגעהויבן צו ווערן אנגעצויגן.

"מיר בעטן אייך, צושפרייט אייך. די שיף הייבט זיך אן צו בייגן אויף איין זייט." האבן זיי געשריגן.

"איר וועט נאך זען אמעריקע איבער גענוג. אצינד בעטן מיר אייער קאאפעראציע."

ווייניג האבן זיך אבער געקענט אפרייסן פון די הערליכע סצענע, וואס איז אלץ געקומען נענטער און נענטער.

אמעריקע - דאס לאנד פון חלומות... דאס לאנד פון גליק. אצינד האבן זיי ענדליך דערגרייכט די



׳גאלדענע מדינה׳.

...

די מאנשאפט האט אנגעהויבן אונטערצויאגן די מיטרייזענדע. "מען דארף פאקן פעק."

דער עולם האט זיך געפאקט, רעדנדיג דערביי אין הויכע טענער איבער זייערע פלענער אין די נייע לאנד.

"איך פלאן צו גיין קיין מיסיסיפי." האט א הויעכער שלאנקער מאן זיך אנגערופן, "איך וועל קויפן א פעלד און לאזן וואקסן גרינס."

"נע," האט א צווייטער מאן געלאכט, שלעפנדיג זיין לעצטן ציגערעטל פון מויל, "איך וועל בלייבן אין ניו יארק און ארבעטן פעסט."

...

"מיר גייען אנקערן." האט זיך געהערט פרייד אויסרופן איבער׳ן שיף.

אצינד האט מען שוין קלאר געקענט זען עליס איילענד, דאס ארט וואו אלע אנקומענדע וועלן אריינגיין און ווער עס וועט אדורכמאכן די פאר שאלות, וועט אריינגעלאזט ווערן אלס אן עמטליכע בירגער אין אמעריקא.

נחום און חוה האבן אנגעהויבן שלעפן די פעק און זיך געשטעלט אין די לאנגע רייע צו קענען ארויסגיין.

די שיף האט געאנקערט מיט א שטארקע זעץ, וואס האט צום לעצטן מאל, צעשאקלט אירע פאסאנזשירן.

"אמעריקע!" האט יעדער אויסגעשריגן ווי מיט איין קול. די קינדער אויפ׳ן שיף האבן געטאנצן, בשעת די אויגן פון די עלטערע האבן מיטגעטאנצן.

"יישר כח קאפיטאן!" האבן איבעראשטע מענטשן געשריגן.

...

"וועלקאם טו אמעריקא." האט דער קאפיטאן דימפלאמאטיש אויסגערופן.

"מיר זענען אצינד עמטליך אנגעקומען צו די האפן פון אמעריקע. יעצט דארפן מיר ווארטן אז די

אמעריקאנע דאקטוירים זאלן ארויפקומען אויפ׳ן שיף און אונז געבן רשות אפצושטייגן. מיר בעטן אייך אלע צו ווארטן מיט געדולד און זיך האלטן רואיג.

״יישר כח פאר׳ן רייזן מיט אונזער פראכטפולן ״ביוטעניע שיף״. א גליקליכן עתיד אין די גאלדענע מדינה.״

נאך א שטיק צייט ווארטן, וואס האט אויסגעזען פאר די פאסאנזשירן ווי אן אייביגקייט, זענען ארויפגעקומען דריי יונגע חברה מיט ווייסע קליידער.

זיי האבן זיך אנגעהויבן דרייען צווישן דעם עולם און באטראכט יעדן באזונדער. זיי האבן אריינגעקוקט יעדן אין די אויגן און צומאל אויפגעהויבן די אויגן לעפלעך. זיי האבן געקוקט אויף די האר און צומאל באטאפט די הויט.

אויף געוויסע מענטשן האבן זיי געשריבן א ווייסע שטריך מיט קרייד אויף זייערע מאנטלען.

חוה  האט זיך געוואונדערט וואס דאס מיינט. איינע פון די פרויען האבן איר שטיל מסביר געווען, ״די מענטשן, נעבעך. מען וועט זיי נישט אריינלאזן. ווייזט אויס אז זיי זענען נישט גענוג געזונט.״

חוה האט געעפנט צוויי דערשראקענע אויגן, ״וואס הייסט? וואס וועט זיין מיט זיי?״

די פרוי האט געצויגן מיט די אקסלען, ״אין בעסטן פאל וועלן זיי מוזן בלייבן אין עליס איילענד ביז זיי שפירן זיך גוט און אין ערגסטן פאל וועט מען זיי צוריקשיקן אהיים.״

״וואס?!״ האט חוה כמעט אויסגעשריגן, ״נאך די לאנגע רייזע, נאך די מאטערנישן און הוצאות, וועט מען זיי נישט אריינלאזן?״

די פרוי האט טרויעריג געשאקלט מיט׳ן קאפ.

די רייע פארנט פון זיי האט זיך גערוקט לאנגזאם אבער ענדליך זענען נחום און חוה אפגעשטיגן פון שיף.

״ קענסט עס גלייבן? מיר באטרעטן יעצט צום ערשטן מאל די אמעריקאנע באדן.״ האט חוה געזאגט אינגאנצן איבערגענומען.

נחום האט אויסגעזען איינִיג איבעראשט.



פארנט פון זיי איז געשטאנען א גרויסע געביידע. א גרויסע אמעריקאנע פאן האט געפלאטערט העכער די רויטע ציגעלנע געביידע מיט גרויסע פענסטערס.

זיי זענען אריין אינעווייניג.

א ריזיגע זאל מיט פיל מענטשן זענען דארט געווען. חוה האט פראבירט אפצוציילן די צאל מענטשן. זי האט אויפגעגעבן נאך 357. זי האט זיך געוואונדערט אויב די רייע פאר איר וועט זיך אמאל ענדיגן. ווייזט אבער אויס אז זי האט אונטערגעשאצט די געניטע ארבעט פון די אמעריקאנע רעגירונג.

ענדליך, ענדליך האבן זיי זיך געזען שטיין פאר די גרעניץ באאמטע.

"נעים?" האט די באאמטער געפרעגט, אביסל אומגעדולדיג. (ווייזט אויס אז נאכ'ן טון די זעלבע ארבעט טאג נאך טאג איז עס אים נמאס געווארן.)

"האכמאן." האט נחום געענטפערט.

"איר קומט פון רוסלאנד? איך רעד אידיש." האט ער העפליך געזאגט.

נחום און חוה האבן געעפנט זייערע אויגן אין שאק.

דער באאמטער האט געשמייכלט, "דאס איז אמעריקע! דא קענען אידן אויך באקומען אן אנשטענדיגן פאסטן!"

דאן האט ער געווינקען מיט די אויגן און געזאגט מיט א שמייכל פון פארשטענדעניש אויף ענגליש, "די נויס איז טו לואד הער (די גערודער איז צו הויעך דא.) וואטס יור נעים אגעין? (וואס איז אייער נאמען, נאכאמאל?)

נחום האט אפגעאטעמט און געענטפערט מיט זיכערקייט, "אייזענבערג, מיין האר!"

"דא זאגט מען סיר, מר. אייזענבערג." האט דער באאמטער זיי פארראכטן.

די איבעריגע חלק פון די פארהער איז אריבער בשלום. דער אגענט האט געסטעמפלט זייערע פאפירן און זיי עמטליך באגריסט קיין אמעריקע.

אצינד זענען די האכמאן'ס\ אייזענבערג'ס אריינגעקומען צום ערשטן מאל אלץ עמטליכע באזוכער קיין אמעריקע. (אויב מען האט געוואלט ווערן א בירגער איז דאס געווען א באזונדערע פראצעדור וואס מען האט געטון שפעטער.)

אויפ'ן וועג ארויס צום נעקסטן צימער, האט חוה באמערקט א גרויסע צאל מענטשן מיט ווייסע קרייד אויף זייערע מאנטלען. זיי האבן אויסגעזען זייער צובראכן. א טייל פון די מענטשן האבן געוויינט.

"דאס מוז זיין די מענטשן וועלכע ווערן צוריקגעשיקט צו זייער היימלאנד." האט זי באמערקט.

"איך מיין אז דו ביסט גערעכט." האט נחום געזאגט מיט מיטלייד. "קוק נאר, משפחות ווערן צעטיילט, קינדער פון עלטערן און מענער פון זייערע ווייבער. איך בין נייגעריג וואס עס וועט זיך אויסלאזן מיט זיי."

די שטראם פון מענטשן האבן זיי געשטופט צו גיין פאראויס. "איך מיין אז דא דארף מען גיין."

די מאמע האט געוויזן אויף א גרויסע טיר. אן אמעריקאנער פאן האט שטאלץ געפלאטערט העכער דעם.

אויפ'ן צווייטן זייט טיר האבן זיי באגעגנט א ים מיט מענטשן. דאס זענען געווען די קרובים און פריינט וועלכע זענען געקומען אפווארטן די פריש אנגעקומענע מענטשן. זיי האבן אויסגעזען זייער איבעראשט און אומגעדולדיג.

"מנשה דארף דא זיין." האט נחום געזאגט היבש איבעראשט.

"צו וועלן מיר אים קענען געפונען אין אט די ים פון פנים'ער?" האט ער זיך געוואונדערט.

נחום און חוה האבן זיך ארומגעקוקט צעמישט. זיי האבן געדארפט געפונען פעטער שלום'ס זון. זיי האבן אים געדענקט. ער איז געווען א וואוילער. אויך ער איז אנטלאפן צוליב די מיליטער. נחום האט אים גוט געדענקט. ער איז געווען א הויעכער שטראמער בחור מיט בלאנדע פיאות און א פולער בערדל. זיינע פיאות זענען אים נישט אלעמאל געשטאנען אזוי גראד ביי די צווי זייטן, ארויסגעבנדיג זיין כאראקטער. יעצט האט אים נחום געזוכט צווישן די מאסן. ער האט אים אבער נישט געקענט געפינען.

פלוצלינג הערט נחום ווי איינער רופט זיין נאמען. ער דרייט זיך אויס און זוכט, אבער ער זעט נישט קיין היימיש פנים.

״נחום.״ הערט ער ווידער. און ווידער קוקט ער זיך ארום. פלוצלינג זעט ער פאר זיך א בוי׳טשיק א יונגערמאן, וואס האט נישט קיין צורה פון א איד. ״נחום, איך בין מנשה. מנשה.״

נחום האט זיך איינגעצוימט זיין בליק. ״מנשה?״ יא. די געשטעל האט געשטימט. די קאליר האט געשטימט. אבער די חן? די אידישע חן? א קאפל? א בארד, ציצית און פיאות? ער האט נישט געזען זיינע אידישע סימנים.

אויך חוה האט זיך איינגעצויגן. זי האט נישט ערווארטעט דאס צו טרעפן. מנשה האט געזען זייער צוריקגעצויגנקייט און זיך אויסגעדרייט צו חוה, ״העלא, מאדאם. אזוי שיין זיך צו באקענען. איך בין דיין קרוב, א נאנטע קרוב. איך האב אייך צוגעגרייט א געשמאקע דירה און באלד וועסטו זיך באקענען מיט העלענע, מיין צוקונפטיגע כלה...״

חוה האט געשפירט שוואך. זי האט געקוקט אויף נחום וואס האט אויסגעזען אייניג צעמישט. וואס? וואס גייט דא פאר?

״זארג נישט. העלענא רעדט א פליסיגן אידיש. זי קומט פון דייטשלאנד. זי קומט פון א רעבישע שטוב.״

חוה האט גארנישט געזאגט. עס איז נישט געווען וואס צו זאגן. מנשה האט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט פון זייער שאק. נאך איידער זיי האבן געקענט ריכטיג באגרייפן וואס עס גייט דא פאר האט מנשה איבערגענומען די לייצעס.

״נו, איז לאמיר נעמען די פעקלעך און אנהייבן גיין.״

זיי האבן געווענדעט זייערע טריט צו איינע פון די ווארטנדע פעריס (שיפן). ״נאך א שיף?״ האט חוה שטיל געפרעגט מיט וויייניג חשק.

״נאר אויף א קורצע וועג פון אפאר מינוט. עליס איילענד איז אן אינזל. דער שיף וועט אונז צופירן קיין מאנהעטן.״

גענוי ווי מנשה האט געזאגט זענען זיי ביז געציילטע מינוטן אנגעקומען קיין מאנהעטן. ער האט דאן געדינגען איינע פון די בעלי עגלה פאר צוועלף סענט ער זאל זיי אפפירן די עטליכע גאסן ביז די איסט-סייד.

חוה איז געווען צעמישט פון די וועגן און צו איבערגענומען צו באטראכטן דעם ארום אין זייער קורצע רייזע.

ווי נאר דער בעל עגלה איז אנגעקומען אין דער איסט-סייד האט אים מנשה באצאלט און ארויסגעשלעפט די פעק. דער בעל עגלה האט אויפגעהויבן זיין היטל אלץ א צייכן פון העפליכקייט און זיי באדאנקט, ״טענק יו סיר.״

חוה איז געווען איבערראשט. ״דער גוי איז געווען אזוי העפליך.״ האט זי קאמאנטירט, בשעת זי האט געהאלפן איר מאן אראפשלעפן די פעקלעך.

״דאס איז אמעריקע.״ האט מנשה זיך אריינגעמישט מיט א גלאנץ אין די אויגן.

א לייכטע רעגן האט אנגעהויבן פאלן. חוה האט עס אבער נישט געשפירט, ווייל זי איז געווען אנגעטון מיט מאנטלען און שאלן, טראץ די היץ.

חוה האט זיך ארומגעקוקט. די גאס איז געווען לאנג און גלייך. דאס איז געווען אזוי אנדערש ווי אין שטעטל, וואו די געסלעך זענען געווען קורץ און געדרייט.

פון ביידע זייטן פון די גאסן זענען געווען בנינים פון בערך פיר שטאק. אין די ערשטע שטאק פון יעדע געביידע זענען געווען געשעפטן. פארנט פון די געשעפט איז געווען אויסגעהאנגען די סחורה און מענטשן זענען כסדר אריין און ארויס. אויך אויפ׳ן גאס זענען געשטאנען פעדלער און פארקויפט זייער סחורה אין די מאסן.

׳אמעריקע איז רוישיג,׳ האט חוה געטראכט, ׳אפילו אין די רעגן.׳

די גאסן זענען געווען געפלאסטערט פון צעמענט. דאס איז אויך געווען גאר אנדערש ווי אין שטעטל. אין שטעטל זענען די וועגן נישט געווען געפלאסטערט. עס איז געווען זאמד, וואס איז נאס געווארן אין די רעגן און אייז געווארן אין די קעלט. זי האט זיך דערמאנט פון די נאסע בלאטיגע וועגן פון שטעטל נאך א רעגן. אצינד, האט חוה באטראכט מיט וואונדער, ווי די רעגן גליטשט זיך אזוי לייכט און געשמאק אויף די צעמענטענע גאסן.

אפילו די רייכע גאסן אינדערהיים האבן דאס נישט פארמאגט. די פארמעגליכע האבן געהאט האלצערנע גאסן, אבער נישט אזעלכע ווי דא. חוה איז געווען באאיינדרוקט פון די עשירות וואס אמעריקע שטעלט פאר. ׳עס איז ווירקליך א גאלדענע מדינה׳ האט זי געטראכט.

פילע פערד האבן גאלאפירט אויף די גאסן פון

מאנהעטן. חוה האט אין אכט גענומען אז עס זענען געווען צוויי באזונדערע וועגן אויפ׳ן טראטאר. אויף די ערשטע זענען געפארן די וועגנער און אויף די צווייטע אפטיילונג האבן פעדלערס געשטופט און פארקויפט זייער סחורה.

מענטשן האבן זיך כסדר געיאגט אין יעדע ריכטונג. חוה האט געלאכט פון זיך אליינס אז זי האט געמיינט אז די מארק פלאץ אינדערהיים איז א פארנומענע גאס. אמעריקע איז דאס איבערגעשטיגן מערערע מאל.

פלוצלינג האבן זיי געהערט א קראך, באגלייט מיט קולות ווי עפעס שרעקעדיג דערנענטערט זיך. ביז געציילטע סעקונדעס האבן זיי זיך געטראפן באגאסן מיט אש.

״אוי, מנשה?!״ האט נחום געשריגן מיט שרעק, ״א מלחמה? א פאגראם?״

חוה האט זיך ארומגעקוקט מיט שרעק. אבער מנשה איז געשטאנען רואיג אין דער זייט און געלאכט.

״וואס איז אזוי לאכעדיג?״ האט נחום זיך געוואונדערט, קומענדיג צו זיך.

״דאס איז די סאבוועי, וואס איז אריבערגעפארן העכער אונז. דאס איז די באן אין ניו יארק. מען רופט עס א טרעין.״ האט ער מסביר געווען. (די באן פלעגט דאן ארויסלאזן די אש בשעת עס איז געפארן)

״אבער נעקסטע מאל שפרינגט נישט אזוי,״ האט ער שטיל צוגעלייגט, ״ווייל יעדער וועט וויסן אז איר זענט גרינע.״

״גרינע? וואס איז דאס?״ האט נחום נישט פארשטאנען.

״גרינע איז דער אויסדרוק וואס מען נוצט אויף ניי-געקומענע. עס איז נישט קיין קאמפלימענט. דא דארף מען בלענדען (ווערן אויסגעמישט).״ האט מנשה מסביר געווען, נוצנדיג אן אמעריקאנעווארט.

די האכמאן׳ס האבן צוגעשאקלט מיט׳ן קאפ. מנשה האט ווייטער גערעדט. א זעץ האט אים






איבערגעהאקט.

"נאך א טרעין?" האט נחום געפרעגט, פּראבירנדיג צו צייגן זיינע ידיעות, נוצנדיג אן ענגלישע ווארט.

"ניין," האט מנשה געפאכעט מיט די האנט, "דאס הייסט אן "אויטא-מאביל" (קאר). דאס איז א וואגן אן א פערד און עס קען פארן מיט אזא מין רעדל וואס דער מענטש דרייט פון אינעווייניג. ווען ער צינדט עס אן, הערט מען די גערודער.

נחום און חוה זענען געווען באאיינדרוקט. אמעריקע איז טאקע א לאנד פול מיט וואונדער.

צווישן די קולות פון די טרעין, די פעדלערס און די פארקויפערס האבן זיי קוים געהערט מנשה'ס קול ווי ער זאגט זיי אן אלע וויכטיגע אינפארמאציע וואס יעדע נייע איינוואוינער דארף צו וויסן.

"מארגן זאלט איר קויפן נייע אמעריקאנע קליידער. די שכנים וועל אייך שוין זאגן וואו צו גיין."

"רעדט נישט אידיש צו הויעך, ווייל יעדער וועט וויסן אז איר זענט נייע."

"גייט נישט צו נאנט צו די הויפט גאס, עס איז א סכנה."

"דא רופט מען די געלט, דאלערס און סענטס."

נחום האט געזאגט נאך און נאך זאכן. חוה האט זיך דערשראקן, האפענדיג אז זי וועט אלעס געדענקען אין די רוישיגע אמעריקע.

פלוצלינג האט זיך נחום אנגערופן, "האלט אייך צוזאמען, מיר קומען שוין אן קיין קאנאל סטריט."

...

זיי האבן זיך איינגעדריידט אויף קאנאל סטריט. זיי האבן זיך אפגעשטעלט פארנט פון א ריזיגע געביידע. דער אטעם איז געווען פארכאפט.

"וואס איז דאס?" האט חוה געפרעגט אינגאנצן איבערראשט.

"א וואלקן-קראצער." האט מנשה געזאגט מיט שטאלץ. זיי האבן עס באטראכט מיט נייגער און

וואונדער. אמעריקע איז געוויס א מדינה איינס אין דער וועלט.

"וואס מיינט דאס?" האט נחום געוואלט פארשטיין די מאדנע ווארט.

"די געביידע איז אזוי הויעך אז עס דאכט זיך אז עס 'קראצט' די וואלקענעס. אזוי האט זיך געשאפן די נאמען." האט ער זיי מסביר געווען.

אויב איז די גאס געווען רוישיג ביז יעצט איז די בהלה פילפאכיג געשטיגן. מען האט זיך געהאלטן נאנט, כדי נישט פארלוירן צו ווערן אין די בהלה.

"מנשה?" האט נחום געפרעגט, "ביסט געווארן א שניידער דא? האסט אלעמאל ליב געהאט שניידעריי ווי ווייט איך געדענק." ער האט פראבירט איבערצושרייען די גערודער.

"נע." האט מנשה אוועקגעמאכט. "דא אין אמעריקע זענען נאר די רייכע שניידערס. זיי פארמאגן גרויסע 'פעקטעריס'. די פשוט'ע מענטשן עפענען א 'סוועט-שאפ' וואו אפאר מענטשן ארבעטן פאר אים און מען נייט הויזן פאר מענער אדער קליידער פאר פרויען."

נחום האט געשאקלט די קאפ מיט פארשטענדעניש. דערנאך האט ער ווייטער געפרעגט, "איז עס נישט אינטערעסאנט אז דו האסט געשריבן אינעם בריוו אז עס איז דא מלחמות אין רוסלאנד. מיר האבן ניטאמאל געוואוסט דערפון. דא אין אמעריקע הערט מען שנעלער די נייעס ווי אין רוסלאנד!"

נחום האט געשמייכלט, "דא לאזט מען אלעס ליינען, אין רוסלאנד ליינט מען נאר וואס דער רעגירונג וויל. אז דו ווילסט וועל איך דיר ליינען די נייעס יעדן טאג. מיר וואוינען אין א מלכות של חסד." א שטריך פון שטאלץ האט זיך דערקענט אין זיין קול.

נחום האט גארנישט געזאגט. חוה האט געטראכט אז זי פארשטייט נחום'ס מחשבות, ווייל אויך איר האט עפעס געשטערט. זי האט עס נישט געקענט אנטאפן מיט די האנט, אבער עפעס אין די שטאלצקייט פאר אמעריקע, די פאטריאטישקייט, כאילו דאס איז אונזער לאנד, האט איר געשטערט. מיר זענען דאך אין גלות. נישט אזוי? איז נישט אמעריקע גלות? 'קען זיין א גאלדענע גלות' האט זי געקלערט צו זיך, 'אבער א גלות איז עס'.

ווען חוה וואלט געוואוסט וואס עסווארט איר אפ, וואלט זי שוין נישט געטראכט איבער די גאלדענע גלות, זי וואלט געקלאגט אויפ'ן שווארצן, טונקעלן גלות.

זיי האבן זיך איינגעדרייט אויף א זייטיגע גאס.

"דאס איז העסטער סטריט." האט ער געמאלדן.

חוה האט באטראכט די גאס. די רייעס פון הייזער האבן אויסגעזען ענדלאז. די גאס איז געווען עטוואס שטילער ווי קאנאל סטריט, אבער אויך היבש פארנומען.

פעדלערס האבן געשריגן די פרייזן פון זייער סחורה, און געניטע בעל הבית'טעס האבן זיך געדינגען אויף די פרייזן. פון די הויכע פענסטערס האט חוה ארויסגעהערט הויעכע געשפרעכן. חוה האט ארויפגעקוקט. עס איז איר געווען א וואונדער צו הערן ווי די געשפרעכן ווערן געפירט אין ריין אידיש, באשפרינקלט מיט ענגליש.

"דאס איז א אידישע גאס, מער וויניגער." האט מנשה זיי געוויזן.

פיל מענטשן זענען געשטאנען אין גרופעס ארום די פעדלערס. זיי האבן געהאנדלט און פארהאנדלט, זיך געדינגען און גע'טענה'ט. טייל האבן פארקויפט און אנדערע האבן געקויפט. געוויסע זענען פשוט געשטאנען דארט און פארברענגט אין די הייסע נאכמיטאג.

"אט איז אייער בנין." האט מנשה פרייליך געמאלדן, "די דירה איז אויפ'ן דריטן שטאק."

חוה, וועלכע איז פון אלעמאל געווען א ריינע האט באטראכט דעם בנין.

עס איז געווען געבויעט פון גרויע שטיין מיט אייניגע פענסטערס אויף יעדע שטאק. געוויסע פענסטערס זענען געווען באצירט מיט בלומען. פארנט פון די בנין האבן זיך אנגעזען לייטערס ארויס פון די פענסטערס.

"וואס זענען די לייטערס?" האט חוה געוואלט וויסן.

"דאס זענען פייער-עסקעיפס." האט מנשה מסביר געווען, "אין פאל פון א פייער, חלילה, קען מען אנטלויפן דורך די לייטערס."

"נאר איין זאך באומרואיגט מיר, דריי שטאק איז אסאך שטאק צו שלעפן וואסער." האט זי געזאגט פאר איר מאן.

א שמייכל האט זיך באוויזן אויף מנשה׳ס געזיכט. ״אה... ווארט נאר, איך האב אן איבעראשונג פאר דיר.״

חוה האט אנגעהויבן שפירן די היץ פון אירע שווערע קליידער און הויכע שטיוול. זי האט זיך ארומגעקוקט אויפ׳ן גאס און באמערקט אז אלע מיידלעך און פרויען גייען אנגעטון אין לייכטע קליידער, ווי אויך פלאכע לייכטע שיך, וואס האט זיך מער געפאסט פאר׳ן וועטער.

שטילערהייט זענען זיי ארויף די דריי שטאק. זיי זענען אנגעקומען אויבן צו א לאנגע טונקעלע קארידאר, מיט טירן אויף יעדע זייטן. מנשה איז געגאנגען מיט זיכערע טריט און זיך אפגעשטעלט ביי איינע פון די לעצטע טירן. ער האט געדרייט מיט׳ן שליסל און עס געעפנט.

חוה און נחום האבן באטראכט די דירה מיט הנאה. עס איז געווען ריין. די שטוב איז באשטאנען פון דריי צימערן, א קאך, א שבת צימער און א שלאף צימער. אין די שבת שטוב איז געווען א גרויסע פענסטער פון וועלכע מען האט געקענט זען די וואסער פונדערווייטנס.

״די פענסטער וועט אייך אביסל אפקילן אין די געפערליכע ניו יארקער היצן.״ האט מנשה זיי געזאגט.

״עס קען זיין הייסער ווי עס איז יעצט?״ האט חוה געפרעגט בשעת זי האט אויסגעטון איר דיקע מאנטל און שטיוול.

״אה, ווארט נאר. יעצט איז נאר אנהייב זומער, ווארט צו נאך אפאר וואכן און עס וועט זיך שפירן ווי א גיהנם. דערפאר מוזט איר זיך שוין מארגן קויפן נייע קליידער.״ האט מנשה באטאנט.

חוה האט געטראכט אז מנשה איז גערעכט. זייערע קליידער זענען צו שווער פאר די אמעריקאנער היצן.

״אבער איך וועל נישט אויסטאן מיין ׳פאטשיילא׳ (פארטיך-שירצל)״ האט חוה דערקלערט.

מנשה האט געצויגן מיט די אקסלען, ״וויאזוי דו ווילסט חוה. אבער איך וויס נישט אויב דו ווילסט זיין א גרינע.״

״גרינע, שמינע....״ האט חוה געמורמלט, ״איך וויל בלייבן א פרומי פונדערהיים. פארוואס דארף




מען זיך טוישן אין אמעריקע?״ האט זי שטיל געפרעגט נחום ווען מנשה איז אריין אין קאך.

״אה, נחום!״ האט מנשה זיך דערמאנט, ״קום אריין אין קאך.״

זיי זענען שנעל געקומען. מנשה האט זיי געוויזן אויף א גרויסע אייזערנע קאסטן וואס איז געווען




הויל פון אינעווייניג. עס האט אויסגעזען ווי א קליינע וואנע. מנשה האט געשלעפט א הענטל און... וואסער האט גענומען פליסן!

חוה האט נישט געגלייבט דעם נס. "וואס? איך וועל נישט דארפן שלעפן וואסער פונעם ברונעם?" האט זי זיך געוואונדערט.

מנשה האט געשמייכלט מיט קענטיגע הנאה. "ניין! די רעגירונג האט ארויסגעגעבן א געזעץ אז יעדע דירה מוז פארמאגן וואסער לייטונג! יא! איר קענט זיך פארשטעלן? א מדינה וואס זארגט זיך באמת פאר די וואוילזיין פון אירע בירגער!"

חוה איז געווען באאיינדרוקט. דאן האט זי

באמערקט א גרויסע שווארצע קאסטן אינמיטן די קאך. ״און דאס?״ האט זי זיך געוואונדערט, ״איז דאס אן אויוון?״

״יא!״ האט מנשה געענטפערט מיט פרייד. חוה איז געווען איבערראשט.

״אבער איך ווייס נישט וויאזוי מען נוצט עס.״

״נישט גע׳דאגה׳ט״, האט זי פלוצלינג געהערט א קול אונטער זיך.

חוה האט זיך דערשראקן.

״אה, העלענא.״ האט מנשה פריינטליך



באגריסט. "יישר כח, איך האב געווארט אויף דיר. וועסט איר צולערנען?"

"אה, זיכער. איך בין אויך געווען אמאל א גרינע. איך קום פון א קליין שטעטל אין דייטשלאנד. אבער היינט בין איך 'אמעריקאן'." האט זי געזאגט מיט שטאלץ.

"וועלקאם טו דיס גרעיט קאנטרי!" (שלום עליכם צו די געוואלדיגע מדינה) האט זי געזאגט אויף ענגליש און זיך דאן אליינס צולאכט פון איר וויץ.

חוה האט באטראכט העלענא. די פרוי האט איר אינגאנצן נישט געפאלן. זי איז געגאנגען אנגעטון אין מאדערנע קליידער און איר שפראך און אויסזען האט איר ווייט נישט געפאלן.

העלענא האט געשפירט די בליקן און זיך אנגערופן הויעך, "מיר זענען אין אמעריקע, פרוי האכמאן. דא איז אנדערש. מארגן וועסטו אויך אזוי אויסזען. מיר וועלן גיין איינקויפן בעז"ה נייע קליידער און דו וועסט זיך שפירן היימיש."

ווייזט אויס אז העלענא האט אונטערגעשאצט די יונגע חוה. מיט גרויס איינגעהאלטנקייט האט זיך חוה באדאנקט און איר געזאגט אז זי וועט איר רופן אויב זי דארף הילף.

מנשה האט זיך געזעגנט און געזאגט אז ער וועט שפעטער קומען קוקן אויב זיי דארפן נאך הילף.

חוה האט פארמאכט די טיר און אויסגערופן, "ניין! איך בלייב ווער איך בין! איך בלייב חוה האכמאן אויך אין אמעריקע. די אמעריקאנע נסיונות הייבן זיך אן, אבער איך בלייב פעסט."

...

א קלאפ האט זיך געהערט אין טיר. חוה איז געגאנגען עפענען. א מיידל וואס איז מן הסתם בערך אין איר עלטער איז דארט געשטאנען. אויך זי איז געווען אנגעטון אין קורצע קליידער מיט א געבלימטע בלאז וואס די ערמל האט דערגרייכט העכער די עלנבויגן. איר האר איז געווען פארקעמט אויף א גוי'שע אופן.

"העלא." האט זי באגריסט חוה. "איך בין סילוויע. איך בין געקומען קיין אמעריקע פאר צוויי יאר צוריק." האט זי פארציילט אין א פליסיגע אידיש, "און יעצט האב איך א פיינע 'דשאב' אין די טרייענגל שירט פעקטערי'. עס ארבעטן דארט הונדערטער מיידלעך. איך האב דיר געוואלט אנטראגן אז ווען דו ביסט שוין אויסגעפאקט און מסודר קען איך דיר נעמען צו מיין בעל הבית און דיר אויך איינגעבן פאר ארבעט."

חוה האט זיך באדאנקט פאר די מיידל. די מיידל איז געווען אזוי העפליך און אזוי אנגענעם. "איך וואוין פונקט א שטאק העכער דיר. און איך ווארט צו פארברענגען מיט דיר. אויב דו האסט סיי וועלכע פראגעס, שאלות, ספיקות, געדאנקען, קום ארויף צו מיר! איך וועל הנאה האבן צו פארברענגען און אינאייניוועגס וועל איך דיר געבן אן אומזיסטע 'קורס' אין די ענגלישע שפראך."

ווען חוה איז צוריק אריין האט נחום זיך ארומגעקוקט, "מען דארף דא זיין שטארקער ווי אייזן."

חוה איז געווארן טרויעריג. זי האט שוין געשפירט איינזאם. "איך זע נישט מיט וועמען איך וועל דא קענען פארברענגען."

אין יענע מינוט איז מנשה ערשינען. "וויאזוי גייט עס?"

נחום האט געשאקלט מיט'ן קאפ, אבער זיין געזיכט האט געוויזן אנדערש.

"וואס באדערט דיר?" האט מנשה זיך געוואונדערט.

"איך ווייס נישט. איך זוך די חסידישע מנשה. איך זיך ערליכע חבר'טעס פאר מיין ווייב."

"אוי, נחום," האט מנשה זיך אנגערופן, "אלע פרויען און מיידלעך זעען דא אויס אזוי. וואס ווילסטו? חוה זאל נישט האבן קיין פריינדינס? און וואס איז מיט דיר? וועסט זיך אויך מוזן צוגעוואוינען." דערנאך האט ער זיך צוגעבויגן און שטיל צוגעלייגט, "איך בין אויך געווען ווי דיר אין אנהייב, אבער דא איז אמעריקע, ברודער, און דאס איז די לעבן דא. יעדער געוואוינט זיך צו. אבער איך פארשטיי דיר נחום. עס נעמט אביסל צייט. מיינסט מיין הארץ ציפט נישט? אבער וואס קען מען טון? עס איז נישט שייך אנדערש."

פרייטאג פארנאכטס איז געקומען די צווייטע און שווערסטע שאק. ווען חוה האט געענדיגט צינדן ליכט איז זי ארויס באגלייטן איר מאן צום בית המדרש. עס איז שוין געווען שבת ווען זי האט געזען סילוויע און העלענא קומען אהיים פון די ארבעט.

חוה האט זיך דערשראקן. דאס מיינט אז די

שמיעות אז אין אמעריקע היט מען נישט קיין שבת זענען ליידער ריכטיג? זיי רעדן טאקע א פליסיגע אידיש אבער ליידער היטן זיי נישט אידישקייט. זי האט געשפירט א קעלט אין די ביינער. חוה האט זיך אויסגעדרייט און איז שנעל ארויפגעלאפן די שטיגן צו איר נייע דירה׳לע. זי האט זיך אראפגעזעצט צוריק נעבן די ליכט און זיך גוט מתבודד געווען. א שטראם טרערן האבן באנעצט איר יונגע געזיכט. ״כי אבי ואמי עזבוני, מיינע עלטערן האבן מיר פארלאזט, איך בין אזוי ווייט פון זיי. איך בין איינער אליינס, אבער דו אייבערשטער ביסט נעבן מיר. דו ביסט דא. קוק מיין הארץ, זע מיינע טרערן. קוק ווי איך וויל זיין גוט. איך בין אזוי דערשראקן. איך וויל נישט פארלירן מיין ערליכקייט און מיין שטוב.

א קלאפ אין טיר האט איבערגעריסן די מחשבות פון חוה. זי האט אויפגעהויבן אירע אויגן פון איר תהלים און איז צוגעגאנגען עפענען די טיר.

העלענא איז דארט געשטאנען.

״העלא. אייגענטליך א גוט שבת!״ האט העלענא געלאכט.

חוה האט איר באטראכט מיט פארדאכט. העלענא איז נישט געווען אנגעטון שבת׳דיג און איר שעסל איז געווען אזוי קורץ אזויווי די אמעריקאנע מיידלעך און ווייבלעך. נעבן איר איז געשטאנען אן ערוואקסן מיידל. ״ווער ביסטו?״

״סעמענטא.״

״א גוט שבת.״ האט זי שטיל צוריקגעגריסט.

״ווי אלט ביסטו?״ האט סעמענטא געוואלט וויסן.

״אכצן יאר.״

״זאג מיר נישט. און ביסט שוין חתונה געהאט? נעבעך.״

״ב״ה. אי״ה ביי דיר אויף שמחות.״

״זאג נישט אזוי. איך זאג נישט אמן. איך וויל נאך לעבן. פארוואס דארף מען חתונה האבן אזוי יונג? קודם דארף מען זיך סעטלען און האבן אן ארבעט און דערנאך קען מען טראכטן פון אויפשטעלן א שטוב.״

חוה האט זיך דערשראקן פון די דרשה. איר מאן איז נישט געווען אין שטוב. וואס טוט זי דא?

סעמענטא האט געלאכט הויעך. ״וואס ביסטו אזוי דערשראקן? איך קען אריינקומען?״

נאך איידער חוה האט געקענט רעאגירן איז שוין סעמענטא געזעצן אינעם קליינעם האלב טונקעלען פארצימער.

״מממ... ביסט א בעל הבית׳טע.״ האט סעמענטא קאמענטירט ווייזענדיג אויף די פירהענג אין עס-צימער.

״ווער ביסטו?״ האט חוה געפרעגט צעמישט.

״אוי!״ האט סעמענטא געלאכט, ״איך מאך זיך אזוי היימיש און איך זאג אפילו נישט ווער איך בין. איך בין סעמענטא. און איך וואוין דא אויף דיין שטאק. העלענא האט מיר דערציילט וועגן דיר, האב איך געקלערט איך וועל זיין א מענטש און דיר



קומען באגריסן. אוי, וואו איז טאקע העלענא? אה, זי איז צוריק אראפ ווייזט אויס. נישט קיין חילוק...

"פאר א האלב יאר צוריק בין איך געווען סימא און איך האב אויסגעזען ווי דיר. היינט בין איך א חלק פון די 'סאשעליסט מאוומענט' און מיר פראטעסטירן פאר די רעכטן פון די ארבעטס-פאלק. מיר טרעפן זיך צוזאם יעדע שבת נאכמיטאג נאך די ארבעט און מיר שמועסן אדורך די לעצטע פלענער. יעצט ווילן מיר מאכן א פראטעסט קעגן די אלע 'טעקסטייל' פארבריקן, וואו די מיידלעך נייען לאנגע שעות אונטער די שווערסטע אומשטענדן. אבער דאס איז נאך א גרויסע סוד."

סעמענטא האט זיך אפגעשטעלט א מינוט, "און וויאזוי הייסטו?"

חוה האט זיך געשפירט אומבאקוועם. די גאנצע שמועס איז נישט געווען לויט איר אידישן טעם. אבער צוליב מענטשליכקייט האט זי געמוזט ענטפערן.

"חוה."

"אוי." האט סעמענטא געלאכט, "דאס איז אזא גרינע נאמען. דו מוזט עס שוין טוישן. דו הערסט? איך מיין דיין טובה. רוף זיך...אם.... לאמיר זען... 'האננא?' יא, מזל טוב! דו האסט א נייע נאמען!"

חוה האט זיך גערוקט אומבאקוועם. "אנטשולדיגט סעמענטא אבער איך בין חוה און איך בלייב חוה."

"האננא, ליסען, הער זיך צו. דו ביסט א יונג שיינע ווייבל, דו דארפסט האבן מיט וועמען צו רעדן. דא אין אמעריקע איז נישט דאס שטעטעלע פונדערהיים. דא ארבעט מען און מען מאכט געלט.



מען שטעלט זיך צו צו די אמעריקאנע השגות און אזוי גלידערט מען זיך איין. וואס ווילסטו? זיין א פארציטערטע מיידל וואס רעדט נישט מיט קיינעם?״ סעמענטא האט זיך צולאכט כאילו זי האט יעצט געזאגט א געוואלדיגע וויץ.

״האננא, מיר האבן געלעבט אין א טעות. אין א קולט. דא לעבט מען.״

חוה האט זיך אויפגעשטעלט. זי האט געשפירט ווי די גאנצע שמועס איז נישט פאר איר. ״סעמענטא איך בין פארנומען. יישר כח פאר'ן אריינקומען. א גוט שבת.״

סעמענטא האט זיך נישט באליידיגט. ״האננא זארג נישט. איך בין אויך אמאל אזוי געווען. מען טוישט זיך דא! צום ווידערזען.״

און דערמיט איז זי ארויס.

חוה האט פארמאכט די טיר און געעפנט די תהלים. א שטראם טרערן האט פארפלייצט אירע אויגן. ״דו ווילסט בלייבן אן חברותא?״ האבן געקלינגען די שפאט ווערטער. ״יא, טאטע,״ האט חוה זיך געבעטן, ״איך וויל זיין אן ערליכע איד, איך וויל דורות, ערליכע קינדער. איך קוק נישט אויף די פרייז.״

אביסל שפעטער האט זיך ווידער געהערט א קלאפ אין טיר. ווען חוה האט געעפנט די טיר האט זי געטראפן סעמענטא דארט.

״העלא, האננא,״ האט זי איר פרייליך באגריסט.

״איך האב דיר געוואלט איינלאדענען צו אונזער פארברענג. איך בין פון די אנפירערינס, ממילא קען איך דיר מיטברענגען אלץ גאסט. מיר גייען זיך נאכאמאל טרעפן מארגן. דערנאך, נעקסטע וואך שבת״, האט זי שטיל און שנעל צוגעלייגט, ״קענען מיר גיין צו די מאווי (גוי'שע שפיל).״

חוה האט האסטיג געשאקלט מיט'ן קאפ. ״ניין, זיי געזונט.״ און זי האט אנגעהויבן פארמאכן די טיר.

״אה, זארג נישט. וועסט נישט דארפן אנרירן געלט. איך וועל באצאלן פאר דיר.״

חוה האט ווייטער פארמאכט די טיר.

סעמענטא אבער איז געווען פלינקער. זי האט אריינגעשטעקט א פיס און געזאגט, ״העי, ווארט.״

חוה האט נישט געהאט א ברירה. ״וואס ווילסטו?״ האט זי געפרעגט מיט ווייניג העפליכקייט.

״איך וויל דיר אנטראגן ארבעט.״ האט זי געזאגט מיט די זעלבע זיסע שמייכל.

״עס איז שבת היינט.״ האט חוה טריקן געזאגט.

״נישט אום שבת גערעדט.״

חוה האט געעפנט די טיר א טראפ ברייטער. סעמענטא האט געלאכט. איר פלאן איז געלונגען.

״איך וויל דיר העלפן. איך ארבעט ביי די טרייענגל שירט פעקטערי. איך קען דיר מיטנעמען מאנטאג און דיר אנטראגן פאר די מענעדשער. ווילסט קומען?״

״איך רעד נישט שבת פון ארבעט.״ האט חוה געזאגט אביסל ווייניגער פעסט.

״פיין, פיין, זאג מיר נאר, זאל איך קומען מאנטאג דיר אפנעמען?״

חוה האט געוואוסט אז זיי דארפן שטארק די געלט און זי דארף ארויסהעלפן מיט פרנסה. ״גוט, דו קענסט קומען.״ האט זי שטיל געזאגט.

סעמענטא האט געכאפט חוה'ס האנט און עס געדרוקט. ״געוואלדיג. צום ווידערזען.״

...

ווען נחום איז אהיימגעקומען, האט ער געטראפן א צעמישטע און נידערגעשלאגענע ווייב. אויך ער איז געווען היבש צוטומלט פון וואס ער האט געזען.ליידער האט ער צוגעזען חילול שבת און ער האט אנגעהויבן שפירן געדרוקט.

״איך דארף טרעפן אן ערליכע איד. איך דארף א מורה דרך.״ האט ער געזאגט פאר זיין יונגע ווייב.

חוה האט צוגעשאקלט מיט'ן קאפ. ״יא, נחום. מיר מוזן טרעפן א ערליכע איד, נאך וויכטיגער ווי ארבעט.״

...

מוצאי שבת נאך הבדלה איז מנשה אנגעקומען. נחום איז געווען נייגעריג, ״וואס מיינט די סאשעליסט מאוומענט?״

מנשה האט זיך אנידערגעזעצט.

״די סאשעליסט מאוומענט איז א באוועגונג וועלכע פאדערט גלייכבארעכטיגקייט. איך בין אויך א חלק פון די גרופע.״

"אבער אין אמעריקע איז שוין דא גלייכבארעכטיגקייט." האט חוה נישט פארשטאנען.

"אמת," האט ער גזאגט, "אבער צו בעסער איז נישט דא קיין שיעור. די באדינגונגען פון די ארבעטס פאלק איז זייער געפערליך. מען ארבעט אונטער שווערע אומשטענדן פאר לאנגע שעות און מען באקומט דערפאר ממש גארנישט.

"דו וייסט וויפיל מענטשן זענען קראנק געווארן דערפון? ערגער פון אלעם איז אז די בעלי בתים דרייען זיך העכער די ארבעטער ווי פריצים איבער שקלאפן."

"איז פארוואס מוז מען דארט ארבעטן?" האט נחום נישט פארשטאנען.

"ווייל זיי געבן ארבעט. און אז מען וויל האבן פון וואו צו לעבן דארף מען האבן געלט."

נחום האט נישט פונקט פארשטאנען און עס איז אים נישט אזוי אנגעגאנגען. עס האט אים געדרוקט א צווייטע זאך אויפ'ן געדאנק.

"מנשה, זאג מיר דעם אמת, מען מוז ארבעטן שבת אין אמעריקע?"

מנשה האט זיך פארטראכט, "קוק אהער. אין אמעריקא מעג מען טוהן וואס מען וויל. אבער עס זענען ממש נישטא קיין ארבעטס-געבער וואס וועלן דיר אננעמען אויב דו ארבעטסט נישט שבת.

"פארשטייסט, דא אין אמעריקע איז דא א געזעץ וואס הייסט די "בלוי לאס", דאס הייסט אז מען טאר נישט ארבעטן זונטאג, וואס איז די אפיציעלע רו-טאג ביי די גוים.

"דערפאר אויב איינער וועט זיין פארמאכט שבת, דערלייגט ער צוויי טעג ארבעט. עס איז שוין היינט דא א חלק געזעץ וואס געט רשות צו זיין אפן זונטאג אויב איז מען פארמאכט שבת, אבער ממש קיינער האלט זיך נישט דערצו, ווייל שבת איז א גרויסע ביזנעס טאג און מען דערלייגט גאר אסאך געלט.

"פון אונזער גאנצע בנין, וואס באשטייט פון פופציג אידן ארבעט יעדער שבת, חוץ מר. ווינשטיין." האט מנשה מסביר געווען.

נחום האט טרויעריג געשאקלט מיט'ן קאפ.

"צוריק צו אונזער גרופע," האט מנשה ווייטער געערדט, "מיר נעמען זיך צוזאם זונטאג און מיר רעדן איבער אלע וויכטיגע ענינים. מיר פלאנירן אקציעס און פראטעסטן און מיר שרייבן בריוו פאר די בעלי בתים."

"איר שטעלט זיך נישט אריין אין א סכנה?" האט נחום געוואלט וויסן.

"דא איז א פרייע לאנד. יעדער קען טון וואס ער וויל. מען האט שוין יא גערופן פאליציי ווען מיר האבן געמאכט א פראטעסט אן רשות און פארשאפט אומרוען, אבער מיר זענען לייכט אפגעקומען.

"אונזער גרופע וואקסט שטארק, ספעציעל צווישן די איטאליענע און (להבדיל) אידישע איינוואוינער פון געגנט. מען מוז אונז אויסהערן."

"כ'פארשטיי." האט נחום געזאגט, אבער אין קאפ האט ער געטראכט, "כ'פארשטיי נישט."

מנשה האט זיך צוגעבויגן צו נחום, "איך האלט אז דו, מיט דיין גוטן קאפ וואלסט אסאך צוגעגעבן צו אונזער גרופע. מארגן קומען מיר זיך צוזאם. סעמענטא האט דערציילט פאר חוה?"

חוה איז געווען שאקירט. זי האט געקוקט אויף איר מאן דערשראקן. "וואס הייסט? איר זענט איין גרופע?" האט זי שיעור נישט געשריגן.

"בארואיג זיך," האט מנשה געלאכט, "דא איז אמעריקע. מיר זענען מער נישט אין שטעטל. דא טוישט זיך יעדער, חוה. קוק אויף די מציאות. "יעדער" טוישט זיך. און דו, נחום און דו חוה, וועלן נישט זיין קיין אויסנאם."

...

"נחום", האט חוה זיך געווענדט צו איר מאן זונטאג פארנאכטס. "מארגן קומט מיר סעמענטע אפנעמען זוכן ארבעט. איך וויל דיר עפעס פרעגן. אפשר מאכן מיר א געשעפט? א יששכר זבולין געשעפט. איך וועל גיין זוכן ארבעט, אבער דו וועסט גיין זוכן א רב, א צדיק. מיר קענען נישט בלייבן אן א מורה דרך. עס איז נישט מעגליך."

נחום האט געקוקט צו זיין ווייב מיט שעצונג. "אידישע פרויען..." האט ער געמורמלט מיט שטאלץ. "איך דאנק דעם אייבערשטן פאר'ן מיר געבן א פרוי מיט א אידיש הארץ. אנשטאט מיר צו דרוקן צו טרעפן ארבעט צו קענען ערלויבן

אמעריקאנע שוואוילטאג, ווילסטו איך זאל טרעפן א מורה דרך. שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען דערצו.״

״זיכער, חוה.״ איך וועל אויך טון מיין חלק אין אונזער געשעפט. איך לאז זיך שוין ארויס זוכן דעם אמת.״

...

מאנטאג אינדערפרי האט שוין סעמענטא אנגעקלאפט זיבן דרייסיג אינדערפרי.

״נו, דו ביסט גרייט?״ האט זי געפרעגט חוה. חוה האט צוגעשאקלט מיט'ן קאפ. ״חוה, דיין קאפ צודעק... עס איז צו.. פארצייטיש. איך האף אז מען וועט דיר געבן ארבעט אזוי.״

חוה האט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט.

חוה האט געקושט די מזוזה און איז ארויס מיט איר שכנה.

זיי האבן אדורכגעשפרייזט די פארנומענע דעלענסי סטריט און זיך געיאגט אדורך די ניו יארקער געיעג. חוה איז נאכנישט געווען צוגעוואוינט צו די געפילדער. זי האט פארשטאפט די אויערן.

סעמענטא האט געלאכט, ״אויך איך בין געווען פונקט ווי דיר. אבער מען געוואוינט זיך צו!״

חוה האט קוים געהערט וואס סעמענטא זאגט איר. די בהלה האט איר ממש פארטייבט.

״אט זענען מיר.״ האט סעמענטא אויסגערופן.

חוה האט געקוקט. זי איז געווארן איבעראשט. דאס איז נישט געווען וואס זי האט זיך פארגעשטעלט. די געביידע פארנט פון איר איז געווען כאטש פינף שטאק הויעך. די געבוי איז געווען פון שטיין. די קאליר איז געווען גרוי. עס האט אויסגעזען אזוי אומעטיג. ׳כמעט ווי א טורמע׳. האט חוה געטראכט. פון אויבן איז געווען א גרויסע שילד אויף וועלכע עס איז געשטאנען, ״טרייענגל שירט פעקטערי.״

סעמענטא האט געגעבן א שטופ די טיר און א לאנגע רייע פון טרעפ האבן זיך באוויזן פאר זיי.

״געגאנגען.״ האט סעמענטא איר באפוילן.

חוה האט געפאלגט. אירע פיס זענען פון זיך אליינס ארויף די הארטע שטיגן. זי האט זיך אפגעשטעלט צו כאפן דעם אטעם. סעמענטא האט איר אונטערגעיאגט, ״אין אמעריקע זאגט מען אז צייט איז געלט.״ האט זי איר גע'מוסר'ט, ״יעדע מינוט איז א שאד.״

חוה האט פאשלינגען א קרעכץ און איז ווייטער ארויף. ״איך פיל ווי איך כאפ א שפאציר צום הימל.״ האט חוה געלאכט.

״נע, דאס איז נאר פינף שטאק! מיין חבר'טע ארבעט אויף די אכטע שטאק און זי לויפט עס ארויף יעדן טאג אין זיבן מינוט! אט זענען מיר.״ האט סעמענטא געוויזן און געעפנט די טיר פאר חוה.

חוה איז אריין און איז געבליבן שטיין צעמישט. פאר איר האט זיך אנטפלעקט א רייע ניי מאשינען. איבערגעבויגן איבער זיי זענען געזעצן מיידלעך וועלכע האבן ניטאמאל אויפגעהויבן די אויגן. זיי האבן געניייעט און געטרענט ווען ארום זיי שפאצירן די בעלי בתים צו מאכן זיכער אז יעדער טוט א גרונטליכע ארבעט.

אין די צווייטע זייט פון די גרויסע צימער זענען געזעצן א גרופע מיידלעך און געניייעט קנעפלעך. אויך זיי זענען געזעצן מיט געבויגענע קעפ ווי ארעסטאנטן און געטון זייער ארבעט שטיל. די צימער איז געווען גאנץ טונקל. עס איז אריינגעקומען אביסל ליכטיגקייט פון די גרויסע גרויע פענסטערס. די ווענט זענען געווען אפגעשיילט פון פארב, און וואסער איז אריינגעקומען פון איין זייט פונעם דאך. סעמענטא האט שטיל גערעדט, ״דארט איז די אפיס. גיי אהין. הצלחה. איך מוז לויפן ארבעטן.״

חוה איז געבליבן צעמישט. ״וואו?״ האט זי איבערגעפרעגט, אבער סעמענטא איז שוין נישט דארט געווען. זי איז געלאפן אויפהענגען איר מאנטל און דאן צו איר מאשין. פונדערווייטנס האט זי געווינקן צו חוה אז זי זאל גיין לינקס אבער א בליק פון איר אויבערהאר האט איר איינגעשטילט.

א ברייט ביינערדיגע מאן איז צוגעקומען צו חוה. ״וואס זוכסטו דא?״ האט ער געפרעגט שטרענג.

״איך... איך... זוך ארבעט.״ האט זי געשטאמלט.

״ארבעט? גיי דארט.״ האט ער איר צוגעוויזן צום אפיס ווי סעמענטא האט איר פריער געוויזן.

חוה איז אריין. אן אמעריקאנער אידל איז געזעצן אונטער א געשניצטע טישל און געמיטלעך געזיפט פון זיין טיי. חוץ די ברכת העסק אויף



זיין טיש האט זיך נישט אנגעזען קיין צייכן פון אידישקייט אויף אים.

"דו זוכסט ארבעט?" האט ער געפרעגט אין א פליסיגן אידיש, בשעת ער האט איר דורכדרינגלעך באטראכט.

"יא." האט זי געזאגט מיט א געמאכטע זיכערקייט.

"דו זעסט מיר אויס א גרינער." האט ער מער געזאגט ווי געפרעגט.

"ביסט פריש אין אמעריקע? הא?"

"יא." האט חוה באשטעטיגט.

"אהא. איז דו ווילסט דא ארבעט, איז לאמיר דיר זאגן. מען ארבעט פון אכט אינדערפרי ביז פינף נאכמיטאג, זונטאג ארבעט מען נישט. און דער געהאלט איז פינף דאלער א וואך. גלייב מיר, דאס איז שיין באצאלט." האט ער געזאגט מיט שטאלץ.

חוה האט זיך געוואקלט. עס האט איר געברענט א שאלה. "אה... איך קען עפעס פרעגן?" האט זי געפרואווט.

"ניין." איז געקומען די קאלטע ענטפער. "איך וועל פרעגן דיין שאלה און עס אויך ענטפערן." האט ער שפאטיש געלאכט. "דו ווילסט וויסן אויב מען ארבעט שבת און דער ענטפער איז יא. און דו ווילסט אויך פרעגן אויב דו קענסט ארבעטן זונטאג אנשטאט שבת און דער ענטפער איז ניין."

דער בעל הבית האט זיך צולאכט פון זיין וויץ און אויך פון חוה'ס שאקירטע געזיכט.

"דאס מיינט," האט זי געפרעגט אין שאק, "אז די אלע מיידלעך זענען מחלל שבת?" האט זי נישט פארשטאנען.

"יא, ווייבעלע," האט ער חוזק געמאכט, "דא איז אמעריקע. עס איז אן אנדערע וועלט. דא איז נישט דער אלטער היים. אז מען וויל לעבן און מען וויל האבן געלט דארף מען ארבעטן. פארשטייסט? און אויב נישט וועסטו עס נאך איין טאג פארשטיין."

ער האט אפגעזאגט זיין דרשה און געטרינקען נאך אביסל טיי. "איז מיר קענען שרייבן א קאנטראקט? דו קענסט היינט אנהייבן ארבעטן." האט ער איר פארשפראכן.

"ניין, יישר כח!" האט חוה דרייסט געענטפערט.

"וואס?!" האט ער זיך צובייזערט, "דו מיינסט עס אמת'דיג? דו וועסט אויסגיין פאר הונגער און זיך איינציען פון בושות." האט ער געשריגן.

חוה איז געבליבן שטארק.

"יישר כח פאר אייערע ווארעמע חיזוק ווערטער." האט זי שפאטיש געענטפערט צום שטאלצן בעל הבית, "אבער איך גלייב אז דער באשעפער האט נישט פארלאזט זיין פאלק און ער ערלויבט אונז נישט מחלל שבת צו זיין אפילו אין אמעריקע." האט זי העלדיש אויסגעפירט, און דערמיט האט זי זיך אויסגעדרייט און איז ארויס פון דעם טונקעלן בנין וואו עס ווערט יעדער פארשוועכט דעם באשעפער'ס נאמען ברבים.

נחום איז ארויס אין גאס. ער האט זיך איינגעדרייט אויף איסט 29טע גאס און געווענדט זיינע טריט צום בית המדרש.

די שול איז געווען ליידיג. נחום איז צוגעגאנגען

צום ארון קודש, געקושט די פרוכת און אויסגעפלאצט אין א געוויין. "טאטע, העלף מיר. איך בין דא איינער אליין, איך זוך אן ערליכע איד, איך שפיר ווי אין א מדבר שממה. איך זוך א צדיק, אן ערליכע איד."

א גערויש האט זיך געהערט הינטער אים. נחום האט זיך האסטיג אויסגעדרייט. אבער יענער האט עספיעט ארויסצושלייכן פון בית המדרש איידער נחום האט אים באמערקט. נחום האט געצויגן מיט די פלייצעס און ווידער זיך אריינגעטון אין זיין תפילה והתבודדות. זיין נשמה האט געצויגן, געזוכט א צדיק, געזוכט א וועג אין עבודת ה'.

"סיר," הערט ער ווידער א קול אונטער זיך, "די שול איז יעצט עמטליך פארמאכט. דו דארפסט ארויסגיין. דו ביסט וועלקאם (געלאדנט) צוריקצוקומען פאר תפילת מעריב."

נחום הייבט אויף זיין פארוויינטע בליק צו דעם אמעריקאנעם בוי (יונג). דער בוי-שמש קוקט אויף אים און שמייכלט צו אים. ער זעט אז נחום זעט אויס פארוויינט. ער באטראכט זיין טראגע, אזוי פון אלטן היים און ער רופט זיך אן צו אים, "אה, דו ביסט פון דעם רב הכולל'ס מענטשן?"

"וואס האסטו געפרעגט?" האט נחום געוואלט פארשטיין.

"נע, גארנישט. האסט מיר אויסגעזען פון "זיינע חברה."

"וועמען'ס?"

"נעוועור מיינד" (פארגעס דערפון)

נחום האט נישט פארשטאנען פונקט וואס דער יונג רעדט, אבער ער האט פארשטאנען אז ער דארף ארויסגיין. נאך א זאך האט ער פארשטאנען אז עפעס אין זיין אויסזען האט אים דערמאנט פון איינער וואס הייסט "רב הכולל."

נחום איז ארויס און געווענדט זיינע טריט אהיים. ער האט זיך געוואונדערט צו הערן פון זיין ווייב, וויאזוי איר טאג איז אריבער אין די ארבעט.

שטייענדיג ביים אריינגאנג פון זיין בנין האט ער אנגעטראפן מנשה. "נחום, וואס מאכסטו?"

"ב"ה מנשה, וואס זאגסטו?"

"טו מיר א טובה, נחום, רוף מיר נישט מנשה ברבים. דא איז עס נישט גאנגבאר. וועסט מיר נאך אפטון צרות אזוי. רוף מיר מארקס."

נחום האט געשלינגען א קנויל אין האלז. אמעריקע איז מער קאמפליצירט ווי ער האט געמיינט. "זאג מיר נאר," האט נחום געהעקעצט, נישט קענענדיג ארויסזאגן דעם אמעריקאנעם גויש'ן מארקס, פאר זיין אלטע בא'חנ'טע קרוב.

"וואס מיינט רב הכולל?"

"אה, ער? מאך זיך נישט נאריש. מען רעדט פון דעם רב יאזעף? אוי, ער איז... שוין לאמיר נישט רעדן פון אים."

"איך וויל יא רעדן, איך וויל וויסן. ווער איז ער? וואו איז ער?"

"נחום הער אויס. הער דיך צו, צו איינעם וואס מיינט דיין טובה. דער ר' יעקב יוסף, ער... שוין... גענוג דיר צו זאגן אז עס איז דא אסאך חילוקי דעות. איך וויל נישט רעדן. אסאך לשון הרע. הער אויס א גוטן פריינט. דו ווייסט דאך וויפיל איך האב זיך פאר דיר אוועקגעגעבן. דו ווייסט אז איך מיין



נאר דיין טובה. גיי נישט אריין דארט אויף נארפאלק גאס. אז דו גייסט אהין, האסטו וויניג שאנסן עס צו מאכן אין אמעריקע. איך זאג דיר, וועסט נאך ווערן פארכאפט דארט. ער וועט דיר זאגן זיינע שיטות און דעות און צום סוף וועסטו נישט גוט אפשניידן. איך רעד פון ביטערע ערפארונג. אסאך מענטשן באוויינען די נארישקייט וואס זיי זענען באגאנגען."

נחום הערט און שווייגט. ער ווייסט שוין וואו צו גיין. ער טראכט אויב ער זאל ארויפגיין זיך נאכפרעגן אויף חוה, אדער אפשר זאל ער צווערשט אויספירן זיין חלק שליחות און טרעפן וואס ער זיוכט.

נחום קוקט אויפ'ן זייגער. די זייגער איז 3:30. חוה איז נאך מן הסתם ביי די ארבעט ביז 5:00. "איך וועל שנעל גיין זען וואס טוט זיך אויף נארפאלק גאס און דערנאך וועל איך אהיימקומען צו חוה."

נחום דרייט זיך ארום פארלוירן און אומוויסנד. ער פראבירט מיט זיין אויסלענדישע אקצענט צו מסביר זיין פאר די געמיש פון מענטשן וואו ער דארף אנקומען.

נאך א צייט וואס האט אים אויסגעזען ווי אן אייביגקייט האט נחום ענדליך באקומען אנווייזונגען, וואו זיך צו דרייען רעכטס און דערנאך לינקס און נאך צוויי גאסן ווידער רעכטס און ווידער לינקס.

נחום פראבירט אלעס אויסצופאלגן. אט שטייט ער שוין ביים לעצטן דריי. ער טרעפט א איד. נחום פריידט זיך. געוויס וועט אים יענער העלפן אנקומען צום ציל.

"ר' איד, זאגט נאר. וואו קום איך אן צום בית המדרש פון ר' יעקב יוסף יאזעף, דער רב הכולל?"

"אוי, אינגערמאן, לאז זיך ארויס. איך זאג דיר, עס איז נישט פאר דיר. ער גייט אויף זיין מהלך. איך זאג דיר. מען האט נישט געהאלטן דערפון. אזויפיל קען איך דיר זאגן, אז די קהילה וואס האט אים אויפגענומען האט אים אפגעזאגט. וואס זוכסטו צרות?"

נחום שמייכלט צו זיך. אויב האט ער געהאט ספיקות אויב ער טרעפט דא אן ערליכן איד, ווייסט ער שוין יעצט אויף זיכער אז יא. ווען נישט, וואס שטופט מען אים אזוי אוועק?

נחום דארף נישט מער קיין עצות. ער קלערט צו זיך, "איך וועל זיך שוין אליינס אן עצה געבן." מיט פעסטע און זיכערע טריט דרייט זיך נחום אריין אין נארפאלק גאס.

דארט איז אים שוין נישט שווער געווען צו טרעפן דעם גרויסן מאעסטעטישן בית המדרש. מיט געמאסטענע טריט שפאצירט נחום אריין אינעם בית המדרש. די בילד וואס האט זיך אנטפלעקט פאר אים האט אים צעמישט.

אט זעט ער א איד, א געטליכן געשטאלט, זיצט אין לערנט מיט התמדה. ער זיצט איבערגעבויגן איבער זיינע ספרים און הייבט נישט אויף די אויגן. ארום אים זיצן אפאר אינגעלייט. געוויסע לערנען און זעען אויס דבוק אין זייער רבי'ן, אבער אסאך אנדערע זעען אויס ווי טיפישע אמעריקאנע בויס, וואס זיצן און פאלאטיזירן ארום דעם טיש.

"נאך אביסל בילבולים." טראכט נחום צו זיך, איך וועל זיך אבער נישט לאזן פארפירן.

נחום ווארט צו און וויל נישט שטערן דעם רב הכולל פון לערנען. אינצווישן האט דער רב הכולל אויפגעהויבן די אויגן און באמערקט א גאסט.

"שלום עליכם." האט דער רב זיך אויסגעדרוקט צו נחום. נחום איז צוגעגאנגען מיט יראת הכבוד און געגעבן די האנט.

"פון וואו קומט א איד?"

"פון דאשוב, רוסלאנד."

דער רב הכולל האט געשאקלט מיט'ן קאפ און געשמייכלט צו אים.

נחום האט זיך איינגעקוקט אין זיין הייליגע צורה און גענומען אויסדערציילן זיין וויטאג, זיין שאק, זיין צעמישקייט איבער וואס אמעריקע האט אים מקבל פנים געווען.

דער רב הכולל האט אים אויסגעהערט מיט מיטלייד. "נישט גרינג. שווער צו טרעפן אן ערליכע איד מיט אן אמת." האט ער אים געזאגט, "מען דארף זיך דערהאלטן."

און מיט די ווערטער האט זיך דער רב הכולל געזעגנט, ער האט זיך אויפגעהויבן און איז ארויס פון בית המדרש.

נחום איז געבליבן שטיין. ער האט געוואוסט אז ער האט אויסגעפירט זיין טייל אין די שותפות. ער האט געטראפן דעם ערליכן איד.

מיט לייכטע טריט האט נחום געמאכט דעם וועג צוריק. א בליק אויפ'ן זייגער האט אים געוויזן אז עס איז שוין 5:30. חוהווארט שוין אויף אים. ער ווארט שוין צו הערן פון איר וויאזוי א טאג אין "אמעריקאנע גאלדענע ארבעטס וועלט" זעט אויס.

א לייכטע ווינטל קומט אים אנטקעגן. אט קומען שוין די הייליגע טעג. דערמאנט ער זיך. "אוי, די זיסע טעג אינדערהיים." נחום וויל שוין כמעט אריינפאלן אין טרויער, אבער ער צעשמייכלט זיך און ער טראכט, "לא אלמן ישראל" אויך אין אמעריקע איז דא ערליכע אידן."

...

"א גוטן אוונט." באגריסט נחום מיט א קלינג אין זיין קול.

קיין אנטווארט.

"א גוטן אוונט. חוה?"

פון אינעווייניג הערט זיך א גערויש. די טיר פון צימער עפנט זיך און זיין ווייב ערשיינט דארט.

"א גוטן נחום." זאגט זי.

נחום געט א קוק. "וואס גייט פאר? פארוואס וויינסטו?"

"איך בענק זיך אהיים."

נחום איז שטיל געבליבן. ער האט געמיינט אז ער וועט טרעפן א ליסטיגע פרייליכע חוה.

"חוה, וואס איז היינט געשען?"

חוה זעצט זיך אנידער אויף איינע פון די צוויי איינצלנדע בענקלעך.

"נחום איך מיין אז מיר גייען וואוינען אין גאס. מיר גייען נישט קענען באצאלן די רענט."

"דערצייל מיר חוה."

חוה האט אים אויספירלעך דערציילט וואס האט היינט פאסירט אין פעקטערי. נחום'ס פנים האט אויפגעשיינט. "זארג נישט חוה. פון טון רצון ה' דערלייגט מען נישט."

"אבער עס איז מיר שווער. איך זע נישט אז איך וועל האבן א חבר'טע דא. קיינער רעדט נישט מיין שפראך. זיי ווילן מיר אלע איבערצייגן אז איך לעב אין א טעות. זיי זאגן מיר אלע אז אמעריקע איז אנדערש און היינט איז אנדערש."

נחום האט געווארט זי זאל זיך בארואיגן און דאן געזאגט פאר חוה, "חוה, איך האב אויך געטון מיין חלק. איך האב געזוכט און ב"ה איך האב יא געפונען."

חוה עפנט צוויי אויגן. "וואס גייט פאר? דערצייל מיר נחום."

און נחום האט איר דערציילט. וויאזוי ער האט אזוי געבעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן אן ערליכע פלאץ און אזוי בטעות (אזוי האט עס אויסגעזען) איז ער אנגעקומען צום צדיק.

חוה האט געגעבן אן אמת'ע שמייכל. זי האט געפילט מוטיג, שטארק. אלעס וועט זיין גוט, ווייל אז מען האט א מורה דרך, מען לעבט מיט א וועג ווייזער איז אלעס גוט.

...

דעם נעקסטן אינדערפרי איז נחום ארויס. ער איז געגאנגען זוכן ארבעט. ער האט דאך אונטערגעשריבן אין כתובה צו ברענגען פרנסה.

פאר א מאן איז גרינגער געווען צו טרעפן ארבעט. נחום האט געטראפן אן ארבעט. ער האט אבער נישט גערעדט פון שבת. ווען עס איז געקומען פרייטאג חצות, האט זיך נחום אויפגעשטעלט פון זיין ארבעט און איז אריבער צו זיין בעל הבית מיט א שטארקייט.

"א גוט שבת."

"וואס?!" די געזיכט פון זיין בעל הבית האט אויסגעזען ווי עס גייט אויפרייסן. "וואו מיינסטו גייסטו?"

"איך גיי אהיים. מקבל שבת זיין. איר גייט דען נישט?"

"דו מחוצף איינער. נישטא אזוינס. גיי אהיים אבער קום נישט צוריק."

נחום האט אויסגעגראדט די פלייצע און איז ארויס צו די ניו יארקער פאריאגטע גאסן. ער האט זיך געיאגט אהיים, צו זיין קליין ווארעם ווינקל.

איין שטאק, צוויי, דריי און פיר. אט איז ער דא. נחום אטעמט אריין. א פרישע שבת'דיגע גערוך פון חלות און פיש האבן דערגרייכט צו אים. "אה, מחי' צו זיין א איד. א מחי' שבת."

"א גוטן ערב שבת."

"א גוטן ערב שבת, צו דיר." האט אים חוה

צוריקגעגריסט.

"חוה, מיר דארפן זיין זייער פריילך."

חוה האט שוין דערקענט די קול.

"מען האט דיר אפגעזאגט?"

א קאפ שאקל האט באשטעטיגט די שאלה.

...

די קומענדיגע וואך איז געווען מער ווייניגער די זעלבע. און אזוי אויך די קומענדיגע וואכן. די האכמאן'ס האבן געהאט גרויס מסירת נפש אבער דאס האט געקאסט א פרייז.

זיי האבן נישט געהאט צו באצאלן די דירה געלט. אינצווישן זענען די ווינטערס געווארן קילער און קילער און געלט פאר הייצונג איז אויך נישט געווען.

איין טאג הערן זיי פלוצלינג שטארקע קלאפן אויפ'ן טיר. חוה לויפט צו דערשראקן.

"ווער איז דארט?"

די לענדלארד (בעל הדירה) שטייט ביים טיר.

"האכמאן. צוויי וואכן געב איך אייך און אויב נישט זענט איר אינדרויסן מיט אלע אייערע זאכן אין גאס."

חוה האט זיך דערשראקן. נחום האט פארמאכט די טיר. וואס טוט מען דא?

נאך א קלאפ. אן איידעלע קלאפ. נחום גייט צו און עפנט אויף.

מנשה.

"וואס קען איך דיר העלפן?"

"נחום, איך מיש זיך נישט, אבער איך האב געהערט ווער עס איז יעצט געווען ביי דיין טיר. הער מיר אויס, דו מוזט זיך נעמען אין די הענט אריין."

דערנאך האט ער צוגעלייגט אביסל שטילער, "פאר דיין ווייב. זי איז אזא רחמנות. זי האט נישט קיין איין גוטע פריינט דא. נחום זיי נישט קלוגער ווי די קלוגע. איך פארשטיי דיר, איך פארשטיי פון ווי דו קומסט. איך פארשטיי דיינע פרינציפן, און דאך זאג איך דיר, מען קען נישט אנדערש. דו באגייסט זעלבסט מארד פאר דיר, דיין ווייב און דיינע צוקונפטיגע קינדער.

איך הער זאגן אז דו דרייסט זיך דארט ביים רב הכולל. קאם אן, עס איז נישט פאר דיר. נחום, שאקל זיך אויף און וועק זיך אויף. מען דארף לעבן. וואס האסטו פון קריגן א קריג וואס דו וועסט סייווי פארלירן?"

...

שמירת שבת איז ליידער נישט געווען די איינציגסטע נסיון. דער צדיק, דער רב הכולל האט דאך אזויפיל געבלוטיגט און געוויינט אויף די חורבן אין אמעריקע. "אידישע" געשעפטן האבן געפיטערט אידן מיט טריפה פלייש. דער צדיק איז






געוואן אן איינציגע קול אין א מדבר שממה וואס האט געשריגן "מי לה׳ אלי". עס איז ליידער כמעט נישט געוואן ווער עס זאל צוהערן זיין קול. די קול תורה איז געבליבן א בת קול מהר חורב וואס ווייניג האבן דעהערט.

אבער נחום האט געהערט און אויך דערהערט. נחום מיט די שטיצע פון זיין געטרייע אשת חיל פלעגט גיין יעדע פארנאכטס הערן א שיעור און טרינקען מיט דורשט די תורה פון זיין רבי. זיינע חברים האבן געשפעט, אירע חבר'טעס האבן געלאכט, אבער זיי האבן זיך געהאלטן אייזן שטארק.

וויאזוי? ווייל אויב מען טוט זיך אנלאנען אויף שטארקע פלייצעס, אויף די פלייצעס פון א צדיק פאלט מען נישט אונטער. אז מען שטיצט זיך מיט צדיקים, קען מען ביישטיין די שווערסטע נסיונות, ברוחניות און בגשמיות.

...

דאס יונג פארפאלק זענען נאכגעגאנגען א צדיק. דאס האט זיי געמאכט אנדערש פון זייערע ארומיגע וועלכע האבן געקוקט אויף זיי מיט שפאט. זיי האבן געשפעט אז חוה גייט מיט א צוגעדעקטע קאפ. "דו זעסט אויס נישט מיט אלעמען."

אבער נחום האט איר מחזק געווען, "ענדערש זיין א נַאר אין די אויגן פון (אומ)מענטשן א גאנץ

לעבן, ווי אײדער אײן מינוט זײן שלעכט אין די אויגן פון אײבערשטן."

...

אין א טאג איז אנגעקומען א חתונה בריוול צו זײער טיר. מנשה גײט חתונה האבן מיט העלענא. נחום און חוה האבן זיך אוודאי געגרײט צו גײן.

חוה האט ארויסגענומען איר אײן טײערע קלײד וואס זי האט מיטגעברענגט פון דער אלטער הײם. זײ זענען בײדע געווען איבערראשט. עס איז אײגנטליך דאס ערשטע מאל וואס זײ וועלן מיטהאלטן א חתונה אין אמעריקע. חוה האט זיך געוואונדערט, "וויאזוי זעט אויס א חתונה אין א זאל?"

די חתונות וואס זי פלעגט מיטהאלטן זענען אלע געווען אין שטוב. סעמענטא פלעגט צו איר רעדן פון די שמחות, און פארטיס דא אין אמעריקע. "עפעס עקסטער ספעשיל (ספעציעל)." פלעגט זי זאגן מיט א גלאנץ אין אויגן. "דאס איז עפעס וואס מען האט נישט געזען אין שטעטל. עס איז פרײליך, פאן, מען לאכט, מען מאכט א לעבן."

סעמענטא האט איר מסביר געווען אז די חתונות קומען פאר אין אזא צוזאמקום פלאץ וואס רופט זיך "לאנדסמאנשאפטן". דאס איז געווען אן ארגאנאזציע וואס איז געווען צוגעשטעלט צו "העלפן" די אידישע אימיגראנטן זיך אײנגלידערן אין די אמעריקאנע שמעלץ-טאפ. אזוי אז זײ זאלן גריגנער אפלאזן די פארנאטישקײטן פון דער אלטער הײם. די לאנדסמאנשאפט האט צוגעשטעלט ספעציעלע קלענערע זאלן פאר די וואס האבן זיך נישט געקענט ערלויבן צו דינגען א טײערע זאל.

אויך האט די לאנדסמאנשאפט צוגעשטעלט שטיבלעך פאר פארטיס און קלענערע שמחות, פארברענגען און מיטונגס. לײדער זענען זײער אסאך מכשולות ארויסגעקומען דערפון, ווי יונגן און מוידן, בחורים און מײדלעך פלעגן זיך צוזאמקומען און פארברענגען אינאײנעם.

חוה איז שוין געווען אנגערײצט. עס איז געשטאנען אויפ'ן אײנלאדונג: ריסעפשין 4:30. "דאס מײנט קבלת פנים." האט נחום געוויזן זײן אמעריקאנע לומדות.

4:00. דאס יונג פארפאלק גײט ארויס אין די גאסן פון די לויער איסט סײד און שפאצירט צו די לאנדסמאנשאפט זאל. זײ שטײען שוין בײן טיר און ווילן ארײן.

"וואו גײען די מענער?" וואונדערט זיך נחום.

"אנטשולדיגט." פרעגט ער אײנעם וואס גײט פאריבער.

"וואו גײען די מענער און די פרויען?

"דא." צײגט ער אויף אײן טיר.

נחום ציט מיט די פלײצע. ווײזט אויס אינעווײניג צעטײלט זיך די מענער און די פרויען. ווען זײ האבן אבער געעפנט די טיר, האט זײ אפגעווארט א סעצענע וואס האט זײ צעריסן און צושאקלט.

לײדער זענען דארט פארגעקומען געמישטע טענץ אויף א שרעקליכע פארנעם.

חוה און נחום האבן זיך גלײך אויסגעדרײט. זײ קענען נישט דא ארײן.

זײ שטײען אזוי אין גאס, אנגעפאטשט און פארלוירן.

"נחום. זאג מיר, מיר גײען טאקע נישט גײן צו מנשה'ס חתונה. ער האט זיך אזוי אוועקגעגעבן פאר אונז. האלטסט נישט אז מיר מאכן א שטיקל שלעכטע שם אויף די פרומע ערליכע אידן, אז מיר זענען מענטשן וואס האבן נישט הכרת הטוב? קלערסט נישט אז דאס וועט מאכן א שלעכטע נאמען אויף דער הײליגער רב הכולל?"

נחום האט געשאקלט מיט קאפ. "נײן, חוה. די תורה לאזט נישט. דו ווײסט דאך חוה אז דאס איז אײנער פון די זאכן וואס אונזער רב קעמפט דערפאר מיט זײן געזונט און כח. דער רב (רב הכולל) זאגט דאך אז דאס איז גלײך צו "בידקא דמיא" ווי א קלײנע שפאלט אין א רער וואסער וואס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער.

דער רב האט זיך געבעטן בײ אונז אז ער דארף אפאר פשרות'לאזע אידן, וואס וועלן נישט מאכן קײן שמחות מיט תערובות און וואס וועלן זיך נישט באטײליגן אין שמחות וואס זענען בתעריבות. דאס וואס מיר גײען נישט ארײן פארשעמט נישט אידישקײט, פארקערט מיר זענען מקדש שם שמים ברבים. ווערסט זען עס וועט נאך ארויסקומען שײנע זאכן דערפון."

פלוצלינג עפנט זיך די טיר פון זאל. נישט קײן אנדערער ווי דער חתן ערשײנט פאר זײ.

"נחום, חוה? איך האב אייך געזען פאר א מינוט'קעלע און דאן שוין נישט. פארוואס שטייט איר דא? קומט אריין און באטייליגט זיך אין מיין שמחה. איר זענט דאך מיין איינציגסטע משפחה דא."

נחום האט זיך פאר א רגע פארלוירן. אבער איין בליק אויף זיין אשת חיל האט אים צוריקגעשלעפט צום אמת.

"נחום טייערע, מיר זענען דיר אזוי מכיר טובה פאר אלעס וואס דו טוסט פאר אונז. אויך פאר אונז ביסטו טייער. אבער מיר קענען נישט קומען צו דיין חתונה."

שטייט דארט א חתן פאר זיין חופה, אינגאנצן אנגעפאטשט און פארשעמט. "פ-פ-ארוואס?" שטאמלט ער ארויס.

נחום האט זיך אנגעגארטלט מיט שטארקקייט.

"געמישט." האט ער געזאגט קורץ און שארף.

"האסט געזען די קול קורא פונעם הייליגן רב הכולל? מנשה, דו שטעלסט דאך אויף א נייע שטוב. דו דארפסט דאך אזויפיל רחמי שמים. וויאזוי לאזסטו דאס צו?"

מנשה האט אראפגעלאזט זיינע אויגן. די בילד פון זיין טייערע מאמע איז אים אויפגעשווימען פאר די אויגן. ער זעט איר שטיין מיט איר פארצייטישע טיכל איבער די אויגן. ער זעט זיין טאטע מיט א הייסע גלעזל טיי איבער'ן פארגעלטע גמרא. ער זעט די טיש. די אפגעקראצטע האלצערנע טיש, מיט די שיינע געבליבטע געשטיקטע טישטוך וואס די באבע פריידא האט נאך אויסגעשטיקט לכבוד די חתונה פון זיינע עלטערן.

מנשה שטייט דארט בשעת די ניו יארקער זון הייבט אן נייגן מעריב, אט קומט מען אים שוין זוכן, דעם פארשוואנדענעם חתן. אבער ער איז ערגעץ אנדערש.

ער איז צוריק אין שטעטל אינדערהיים. ער איז יעצט ביים מלמד אין חדר, וואס גלעט זיינע שיינע בלאנדע פיאות און זאגט אים, "די שכינה רוט אויף דיר."

וואס וואלט יעקל מלמד היינט געזאגט? וויאזוי וואלט זיין מאמע רעאגירט צו זיין שמחה? וויאזוי וואלט אים דער טאטע באגלייט צו זיין חופה?

א טרער האט זיך ארויסגעגליטשט פון מנשה.

"נחום, ביסט גערעכט. איך וויל, אבער די חופה שטעלט זיך ביז א האלבע שעה. די געסט זענען דא. וויאזוי טו איך דאס? וואס זאג איך פאר העלענא?"

נחום האט געכאפט די געלעגנהייט.

"חוה, גיי דו רעד מיט די כלה."

"מנשה, איך קום שוין צוריק."

מיט אומפעטע איז נחום געלאפן די פאר גאסן ביזן שול פון דעם הייליגן רב הכולל. ער האט געדארפט אפאר חברים. ער קומט אריין אין שול און טרעפט דריי פון זיינע נייע חברים, ברודערס אינעם הייליגן קאמף פאר קדושת ישראל.

"קומט מיט מיר, מיר גייען מאכן א כשר'ע חופה."

די חברים האבן נישט געפרעגט. זיי זענען שוין געווען געוואוינט דערצו. איינס, צוויי האבן זיך די אינגעלייט אונטערגעיאגט און זיך ארויסגעלאזט איבער די גאסן פון מאנהעטן.

זיי זענען אנגעקומען פונקט אין צייט. נאך איידער איינער האט געקענט עפעס זאגן און פרעגן, האבן שוין די טעטיגע חברה געשלעפט א מחיצה פון אונטער'ן ערד ממש, און איינער האט ארויסגעצויגן א גרויסע פלאקאט (וואס זיי האבן אלעמאל געהאט ביי זיך אין טאש, אין פאל מען וועט זיי מזכה זיין מיט אזא מצוה).

און אויפגעהאנגען אויפ'ן טיר. אויפ'ן צעטל איז געשטאנען: ביטע רעספעקטירט די ווילן פון חתן און כלה. די חתן און כלה ווילן א חתונה כדת משה וישראל. זיי בעטן און פארלאנגען אז אלע געסט זאלן זיך צושטעלן צו די גדרי צניעות וואס דער תורה פארלאנגט. טייערע אידן, "אונזער תורה פארבאט געמישטע פארברענגען." מיר טוען אויפפאדערן אלע געסט זיך צוצושטעלן און די נשים זאל בלייבן ביי די נשים און די מענער ביי די מענער. מיט דאנק פון פאראויס, חתן כלה.

חוה האט גערעדט מיט העלענא. איר אידישע פונק האט זיך דערוועקט. יא, זי וויל א הייליגע חתונה. זי וויל רחמי שמים. זי דארף ישועות און רפואות.

...

די יונגע אייזענבערג פארפאלק איז שוין אצינד געווען געקניפט און געבינדן מיט די האכמאן'ס. עס איז מקיים געווארן "שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל-פְּנֵי הַמָּיִם,




כִּי בְּרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ" שיק דיין ברויט אויפ'ן וואסער ווייל נאך פיל טעג וועסטו עס געפונען."

מנשה האט געטון א חסד מיט נחום און אצינד איז אים די זכות בייגעשטאנען און נחום האט אים אנגעהויבן צוריק מקרב זיין צום אייבערשטן, צו צדיקים.

עס איז אריבער א פאר וואכן און מנשה האט זיך צוגעדעקט זיין קאפ. אויך האט ער אנגעהויבן קומען צום שיעור פון דעם רב הכולל. ער האט געהערט נייע דיבורים וואס ער האט יארן פארגעסן. עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. דער אייבערשטער איז בעל הבית, נישט די ארבעטס-געבער. די תורה זאגט אונז וואס צו טון, נישט די אמעריקאנע קולטור.

א איד טאר נישט פארשווועכן דעם שבת. צניעות און כשרות זענען יסודות אין אידישקייט. מנשה האט געהערט און געהערט און זיין נשמה האט זיך דערוועקט. ער האט זיך אליינס אנגעקוקט, וויאזוי קען זיין אז ער האט געלעבט אין אזא פאלשע דמיון פון עולם הזה?

וויאזוי איז מעגליך אז מנשה, א זון פון אן ערליכער פארצייטישער איד, זאל אזוי פאלן פון זיין אמונה? וויאזוי האט ער געקענט אזוי פארגעסן פון זיין באשעפער?

נאר דער הייליגער רבי זאגט אונז שוין אין שיחות הר"ן אז מענטשן זענען א גרעסערע שטער פאר עבודת ה' ווי דער יצר הרע אליינס. א מענטש קען פיל מער צורעדן אנדערע מענטשן אפצולאזן די אייבערשטער און די תורה.

אזוי איז טאקע געווען בימים ההם יעדער האט געטון אנדערש. יעדער האט געארבעט שבת און געפירט א הפקר לעבן. יעדער האט געלעבט פאר'ן דאללער.

כמעט יעדער. די איינציגע פאר וואס האבן זיך געקלאמערט מיט צדיקים האבן מנצח געווען. זיי האבן געלעבט מיט תכלית, מיט אמת, מיט חיי נצחי.

דער הייליגער רבי רעדט ארום אין ליקוטי מוהר"ן איבער די נסיונות בזמן המשיח אז א קליין הייפעלע אידן וועלן זיך האלטן ערליך. דאס שפילט זיך איבער אין די לעצטע צוויי הונדערט יאר איבער און איבער. דעם רבינ'ס פייער און אוודאי זיינע הייליגע דיבורים טליען און ברענען און דערווארימען די הערצער נאך ביז היינט.

אין יענע יארן, זענען טאקע געווען נאר א קליין הייפעלע אידן וואס האבן זיך דערהאלטן אין היכל המלך. ווייניג, זייער ווייניג האבן זיך געהאלטן ביים ערליכן און ריינעם אידישקייט. און שפעטער ווען

ערליכע אידן זענען געקומען קיין אמעריקע נאך די צווייטע וועלט מלחמה, האט דאן געברענגט די פייער פון ציונות. אויך דאך האבן ווייניג ערליכע אידן זיך געקענט דערהאלטן ביי די ריינע אמונה. און אזויווי דאן, איז אויך יעצט. עס ברענט א פייער אין גאס פון אמונה פסילה, פאלשע אמונות. איינער גלייבט אין סארנא, איינער גלייבט אין געזונטע מעדעצין, איינער גלייבט אין געלט און איינער אין דאקטוירים. און נאך פיל אנדערע גלייבן אז "זיי האבן עס געמאכט און געטון." נאר ווער עס קלאמערט זיך צו צדיקים, נאר ווער עס הערט און פאלגט די קול פון צדיקים, נאר דער איז מנצח.

עס כאפט א פחד אז ליידער האט די ווינט פון הפקרות און ליצנות אויף ערליכע אידן מער מצליח געווען ווי די רוצחים א שטייגער ווי היטלער ימ"ש אדער סטאלין ימ"ש. די אלע האבן גע'הרג'עט גופים, אבער די נישט ערליכע אידן וואס האבן חוזק



געמאכט פון אזעלכע צדיקים ווי דער רב הכולל וואס האט געבלוטיגט און געווייטאגט און זיין לעבן אוועקגעגעבן צוריקצושטעלן אידישקייט אין אמעריקע, זיי האבן ליידער אסאך מער מצליח געווען. זייערע פירות זענען נאך היינט דא. אזוי ווי מיר ווייסן, "גדול המחטיא יותר מן ההורגו" עס איז ערגער איינער וואס מאכט זיין חבר זינדיגן ווי דער וואס הרג'עט. ווייל אז מען הרג'ט יענעם האט ער כאטש יענע וועלט, אבער אויס מען מאכט איינעם אפלאזן דעם אייבערשטן האט ער נעבעך נישט די וועלט און נישט יענע וועלט.

...

חוה האט שוין געהאט א חבר'טע. העלענא האט זיך געטוישט צוריק צו איר אידישע שיינע נאמען. "יהודית." מיט די צייט האט נחום איר צוזאמגעברענגט מיט נאך ווייבלעך פון זיין חבורה. די יונגע ערליכע העלדינס פלעגן זיך צוזאמקומען איינמאל א וואך און צומאל אביסל מער. ספעציעל האבן זיי זיך געדארפט מחזק זיין שבת, ווען רוב פון זייערע חבר'טעס זענען ליידער ארויס ארבעטן. און זיי די יונגע פריילכע העלדינס האבן זיך נישט געקענט ערלויבן וואס די אנדערע חבר'טעס האבן געקענט.

דעריבער האבן זיי זיך באמת מחי' געווען מיט זייער צוזאמקום'ס. איין שבת נאכמיטאג שפאצירט יהודית מיט חוה. זייער פלאן איז געווען צו גיין אביסל צום בית המדרש פון דעם רב הכולל, הערן אפאר הייליגע ווערטער ביי שלש סעודות. אויפ'ן וועג האבן זיי אנגעטראפן סעמענטא.

חוה האט זיך דערמאנט פון איר ערשטע שבת אין אמעריקע. סעמענטא איז איר געקומען באגריסן. אויך האט זי איר פראבירט צו העלפן שאפן ארבעט. אבער חוה האט נישט געדארפט קיין ארבעט וואס איז געווען געבינדן מיט חילול שבת.

סעמענטא האט געזען די צוויי פרומע פרויען שפאצירן. עס האט איר ווייט נישט געשמעקט. נאך דערצו אז העלענא, יהודית האט אזוי תשובה געטון. דאס איז געווען א שטעך פאר איר פערזענליך. זי האט אזויפיל אריינגעארבעט מסביר צו זיין פאר העלענא אז עס איז אן אנדערע וועלט און דא קומט זיך די יונגע חוה מיט איר פרומע מאן, און שטעכט א מעסער אריין אין די אמעריקאנע אידיעלאגיע.

סעמענטא האט זיך אפגעשטעלט. "העלענא, האננא, איר מוזט קומען. מיר קומען זיך יעצט צוזאם פאר א וויכטיגע סאציאליסטישע פארברענג. איך זאג אייך, איין טאג וועלן אלע איינזען אז מיר זענען גערעכט. מאסעס גרין גייט אנפירן א קנאק פון א זאך."

חוה האט איר געגריסט מיט א קאפ שאקל און ווייטער שפאצירט. אבער סעמענטא האט נישט נאכגעלאזט. "וואו גייט איר?" האט זי נאר געוואלט וויסן.

"צום בית המדרש פון דעם הייליגן רב הכולל."

סעמענטא האט געמאכט א פאקס מיט די פנים. "הייליגע רב הכולל. הייליג."

"הייליג." האט חוה איבערגעזאגט מיט א גראדע רוקן.

"האננא, איין טאג וועסטו ווינען ביי מיין טיר אז דו דארפסט אביסל שפייז פאר דיינע הונגעריגע קינדער. פארגעס דערפון. דעמאלטס זאלסטו אויך גיין צו דיין "הייליגע רב".

און מיט א ביטול און א געלעכטער האט זי אוועקשפאצירט.

"חוה," האט יהודית געפרעגט, "וואס וועט טאקע זיין מיט פרנסה? אונזערע מענער ארבעטן דאך ב"ה נישט שבת אבער איך שפיר ווי עס ווערט מיר שווערער און שווערער. און וואס וועט זיין ווען מיר וועלן האבן קינדער?"

חוה האט ארויפגעלייגט איר האנט אויף די אקסל פון יהודית. "יהודית טייערע, דער הזן את העולם שפייזט יעדן איינעם. יעדע חי און יעדע פייגל, יעדע פישל און מורישקע, יעדע באשעפעניש באקומט איר שפייז. און אוודאי אויך זיינע טייערע אידן. אין אדם שומע לי ומפסיד, נישטא א מענטש וואס האט צוגעהערט צום קול פון באשעפער און האט דערלייגט. יעצט איז שווער, יעצט זעט אויס ענג, אבער געדענק וואס חז"ל זאגן אונז "וְהָיָה רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד - די אנהייב איז שווער און ענג, אבער די סוף איז ברייט און גוט.

"אבער חוה," פרעגט יהודית מיט עטוואס א שטילערע קול, "איך ווייס פון אסאך מענטשן וואס האבן געהיטן שבת און איך זע נישט דוקא אז עס גיסט זיך גאלד ביי זייערע טישן."

חוה האט זיך צושמייכלט, "דו ווייסט וואס גוט

מיינט? דו ווייסט וואס ברייט מיינט? עס זענען דא ארימע עשירים און רייכע ארימעלייט. האסט געוואוסט דערפון?"

יהודית האט זיך צעשמייכלט. עס איז איר געפאלן די אויסדרוק. זי האט פארשטאנען די געדאנק דערפון.

רייך און ארעם איז א מתנה פון דער אייבערשטער. אבער נאך טיפער, אן ערליכע איד ווערט נישט ארים און ברייט געוואנדן לויט די געלט. אן ערליכע איד איז ברייט, ווייל ער לעבט מיט העכער. גוט, מיינט אייביגע גוטס.

"דו ווייסט חוה," האט זיך יהודית דערמאנט, "איך דערמאן זיך א ווארט וואס מיין טאטע פלעגט אונז כסדר זאגן. ער האט אונז געזאגט אז דער הייליגער תולדות זאגט אז מען טאר זיך נישט טענה'ן מיט אן אפיקורס (לץ). פארוואס? ווייל לאמיר זאגן צוויי מענטשן שמועסן. איינער איז אן ערליכער איד און א צווייטער ליידער נישט. דער נישט ערליכער איד גרייט זיך צו עסן א שטיקל חזיר פלייש. דער ערליכער איד וויל אים אפהאלטן און ער זאגט אים, "עס נישט. דאס איז נישט גוט."

זאגט דער נישט ערליכער, "עס איז יא גוט. איך האב עס שוין טועם געווען."

שפאצירט א פרעמדער דארט אריבער און ער קלערט צו זיך, "ווער איז גערעכט? מן הסתם דער נישט ערליכער. ווייל ער ווייסט וואס ער רעדט. ער האט שוין אמאל געשפירט די טעם."

"אבער דער אמת איז, אז עס איז נישט ריכטיג. ווייל זיי רעדן פון אן אנדערע גוט. דער נישט ערליכער איד רעדט פון גוט אויף די מינוט, אבער דער ערליכער איד רעדט פון אייביגע גוטס."

יהודית האט זיך פאררויטלט. זי האט נישט געגלייבט אז די ווערטער קומען ארויס פון די העלענא פון די נישט ווייטע פארגאנגענהייט.

"ווייסט חוה," האט זי צוגעלייגט פארטראכט, "דאס וואס איך האב דיר יעצט געזאגט האט מיר גערוישט אין מח זייט איך בין געקומען אויף אמעריקע. איך האב כסדר געטראכט, "יעדער זאגט אז די נייע גוט, איז גוט. אבער אפשר איז עס אזויוי דער הייליגער תולדות זאגט?"

"ווען איך האב דיר געזען האב איך געכאפט א ציפ אין הארץ. איך האב געזען אז מען קען יא. מען קען זיך האלטן מיט'ן אייבערשטן אין יעדע מצב. מען כאפט נישט התפעלות אז אנדערע לאכן. דו האסט מיר געלערנט צו זוכן א צדיק און אים פאלגן. האסט מיר געלערנט ליב צו האבן צדיקים מער ווי געלט און עולם הזה. איך בין דיר אלעמאל דאנקבאר דערפאר."

דערווייל איז די זון פארגאנגען. זיי זענען אנגעקומען אין שול פון רב און זיך אריינגעשלייכט פאר אפאר מינוט הערן הייליגע דיבורים פון צדיק. אן אמת'ע קול דממה דקה, א דינע קול אין א פארטייבנדע רוישיגע מדינה וואס שרייט פארקערט ווי די קול התורה.

אריינקומענדיג הערן זיי וואו דער רב פייערט איבער כשרות און כשר פלייש. דער רב מיט זיין פייער דקדושה האט פארלאנגט אז אלע זאלן טון דערין. עס האט אים געבלוטיגט דאס הארץ צוצוזען וואס עס גייט פאר מיט אידישע קינדער.

דער רב הכולל האט נישט גערוהט. ער האט איינגעשטעלט א סיסטעם פון משגיחים אין די שלאכט הייזער, און דורכדעם זענען די נישט ערליכע שוחטים אפגעזאגט געווארן, ווען מען האט געזען אז זיי קענען ניטאמאל הלכות שחיטה ליידער. אויף זייער ארט האט ער אריינגעלייגט ערליכע שוחטים יראי שמים.

חוה און יהודית האבן זיך איבערגעבליקט. ממש יעצט האבן זיי געשמועסט וועגן די ענין פון כשר'ע פלייש. איז דאס נישט א גלעט פון באשעפער אז ער זעט און שעצט זייער מסירת נפש?

...

זונטאג אינדערפרי.

מנשה זוכט ארבעט. נחום זוכט ארבעט. אבער איידער מען גייט ארבעטן גייט א איד אין שול. דארט האבן זיי געטראפן דעם רב פארטון אין קהל'ישע ענינים. זיי האבן זיך צוגעהערט פון די זייט און געהערט ווי מען שטעלט אויף אן אגודה. די אגודה וועט זיך מוסר נפש זיין און אויפוועקן אידישע בעלי בתים מיט שמירת שבת. אויב די בעלי בתים וועלן זיך זארגן אויב זיי וועלן האבן ארבעטער, וועט די וועד זיי צושטעלן ארבעטער.

די אגודה האט טאקע אנגעהאלטן יארן לאנג און אזוי האט עס געלינדערט די שווערע נסיונות פון חילול שבת אין יענע תקופה.

דער אייבערשטער האט זיי נישט פארלאזט. נחום און מנשה האבן געטראפן ארבעט. אפשר נישט הויך באצאלט, אבער העכער באצאלט אויף יענע וועלט.

...

עס איז אריבער אפאר יאר. די נסיונות האבן זיך געשטארקט, אבער אויך זייערע כוחות. אינצווישן איז ליידער דער הייליגער רב הכולל נפטר געווארן. ער האט נישט געקענט נעמען די צער השכינה. נאך א פארצויגענע קאמף ווי די קולטור פון אמעריקע האט שטארק געזיגט האט ער צוריגעגעבן זיין ריינע נשמה כ״ד תמוז תרס״ב.

...

שבת קודש כ״ה אדר תרע״א

חוה האט זיך דערוועקט שבת אינדערפרי גאנץ פרי. זי האט זיך נישט געיאגט. זי האט לאנגזאם געעפנט איר סידור און אנגעהויבן מה טובו, זי האט ליבליך געזאגט די ווערטער פון פסוקי דזמרה און קריאת שמע. ווען זי האט געענדיגט די שבת׳דיגע שמונה עשרה האט זי געזאגט דעם יום שבת תהלים און זיך אומגעקוקט. עס איז נאך געווען פרי. עס איז איר נאך געבליבן א שעה ביז דער טאטע וועט אהיימקומען. זי האט באשלאסן צו כאפן א שפאציר אינדרויסן.

ווי נאר זי האט ארויסגעטראטן האט זי געזען אז עפעס איז נישט אין ארדענונג. קופקעס פון מענטשן זענען געשטאנען אינאיינעם און גערעדט שטיל. פיל האבן געוויינט. אנדערע האבן געשריגן. פון די אנדערע זייט האט זי געזען פרויען לויפן ווי נישט נארמאל. זי האט פארשטאנען אז עפעס שרעקליך האט פאסירט.

פלוצלינג האט זי געזען בעטי לויפן. בעטי איז געווען א מיידל אין איר עלטער. בעטי איז געווען א פריינדין פון סעמענטע. זי האט געארבעט מיט איר אין די טרייענגל שירט פעקטערי.

״בעטי, בעטי, וואס גייט פאר?״ האט זי גערופן צו איר.

בעטי האט איר נישט געענטפערט נאר איז ווייטער געלאפן. חוה האט זיך עטוואס באליידיגט. זי איז צוריק אריין אין בנין און געזען סעמענטע׳ס מאמע וויינען היסטעריש.

״פרוי רייכבערג, וואס... וואס האט פאסירט?״ האט זי פראבירט צו בארואיגן די ארימע פרוי וועלכע האט פארלוירן דריי קינדער אינעם קריג איבער שמירת שבת.

״אוי, חוה׳לע דו לעבסט? אוי, אוי...״ און דאן האט זי זיך אויסגעצויגן פארנט פון חוה און גע׳חלש׳ט.

חוה האט אנגעהויבן שרייען נאך הילף און פרוי אייזן איז ארויסגעקומען מיט א טעפל וואסער. זי האט דערמינטערט די דערביטערטע פרוי און איר אריינגעברענגט אין שטוב.

״וואס האט פאסירט?״ האט חוה שטיל געפרעגט, אבער פרוי אייזן האט איר געווינקען צו זיין שטיל.

חוה איז ארויס. איר נייגער האט איר שיעור נישט דערשטיקט.

זי האט געפונען צארטל. צארטל איז אויך געווען א פריש געקומענע. אזוווי חוה האט זי זיך פראבירט צו האלטן שטארק אינעם קאלטן לאנד.

״ צארטל זאג מיר וואס גייט פאר?״ האט זי געוואלט וויסן.

״חוה, עס איז שבת היינט.״

״נו איז וואס? האט חוה נישט פארשטאנען.

״חוה... חוה... העי, ביסטו נישט געגאנגען ארבעטן אין טרייענגל?״ האט זי זיך פלוצלינג געכאפט.

״אה, ניין. ווייל זיי האבן פארלאנגט אז מען זאל ארבעטן שבת. אבער וואס קומט עס דא אריין?״

״ברוך מחי׳ המתים.״ האט צארטל געזאגט מיט טרערן. ״חוה דו ביסט גערעטעוועט געווארן פון טויט. א שרעקליכע פייער האט אויסגעבראכן דארט און הונדערטער מיידלעך זענען געפאלן קרבנות.״ צארטל האט אויסגעזען צושוידערט.

״וואס?!״ האט חוה אויסגעשריגן.

״יא,״ האט צארטל טרויעריג באשטעטיגט.

״דו ווייסט דאך וויאזוי די בנין זעט אויס. אלע מיידלעך זיצן צאמגעדרוקט אינאיינעם און די בעלי בתים די בעלי גאוה האבן מורא געהאט אז אפשר וועט זיך איינער ארויסכאפן א מינוט איידער עס איז פינף אזייגער און דעריבער האבן זיי פארשפארט אלע טירן חוץ איינע און דארט האבן

זיי געשטעלט א שומר. היינט האט אויסגעבראכן א שרעקליכע שריפה און אלע טירן זענען געווען פארשפארט חוץ יענע איינע. און פארשטייט זיך אז נישט אלע האבן געקענט אנטלויפן פון דארט.

"א חלק זענען נעבעך צוטראטן געווארן, א חלק דערשטיקט און א חלק האט זיך פראבירט צו ראטעווען דורך שפרינגען פון די פענסטער. זיי זענען געשפרינגען צו זייער טויט. עס איז שרעקליך." צארטל האט זיך צעוויינט.

"עס איז שבת היינט. אוי, מען טאר נישט וויינען. אוי, עס איז דא א דין וחשבון אויף די וועלט."

חוה איז געווען אויסער זיך. "סעמענטע לעבט?" האט זי געפרעגט דערשראקן.

"ניין." האט צארטל שטיל געזאגט, "און אויך נישט ליסי און אויך נישט מערי און אויך נישט פיל פיל אנדערע. חוה עס איז שבת. אוי, מען טאר נישט."

די צוויי זענען אהיים שווייגנדיג. ווען נחום איז אהיים איז קענטיג געווען אויף זיין פנים אז ער ווייסט אבער צוליב קדושת שבת האט ער זיך אפגעהאלטן פון רעדן.

יענעם מוצאי שבת זענען געווען פילע לוויות. פילע יונגע מיידלעך האבן פארלוירן זייערע לעבנס אין די פלאמען פונעם טרייענגל. און די וואס האבן איבערגעלעבט האבן געוואוסט אז דער באשעפער וויל עפעס פון זיי.

חוה האט געוויינט, זי איז געשטאנען נעבן יהודית, וואס האט ביטער געוויינט. זי האט געוויינט פון תשובה און פון הודאה. אזוי אויך אלע אנוועזנדע. די לערע איז געווען צו שטארק און צו בולט. ווער עס פארשוועכט דעם שבת, האט א מיאוס'ן סוף. עס איז ליידער מקיים געווארן, "מחלל שבת מות יומת" איינער וואס פארשוועכט שבת וועט שטארבן.

עס איז שווער געווען וויאזוי צו זאגן די הספדים. וואס זאגט מען? אז זיי זענען געגאנגען על קידוש ה' אדער חילול ה'? מען האט געבעטן דעם ציבור זאל אינטערנעמען קבלות טובות פאר די נשמות וועלכע נויטיגן זיך זיכער אין אן עלי'. און מען האט געבעטן ביים בורא אז זיי זאלן האבן אפגעקומען מיט זייער מיתה משונה.

...

די יארן זענען געלאפן. יעצט האט מען שוין נישט געדארפט זיין א גרויסע מבין צו זען די חילוק פון א שטוב וואס שטעלט זיך אויף יסודות פון צדיקים, וואס גייט נאך די תורה.

חוה האט זוכה געווען. יהודית האט זוכה געווען. די חבר'טעס וואס האבן געשפעט האבן ליידער נישט זוכה געווען. די וואס האבן געטריבן ליצנות האבן חוזק געמאכט פון זיך אליינס.

...

"ברענג א דעקע פאר די באבע." האט חי' פייגא גערופן צו איר איידעלע טאכטער מירי.

מירי האט זיך געאיילט. די באבע חוה איז שוין נישט אזוי בכח. אירע לונגען זענען נישט אזוי בסדר. מען האט איר געדארפט אריינפירן אין שפיטאל.

באבי האכמאן האט ביי יעדן א ספעציעלע פלאץ אין הארץ. זי האט אלעמאל א שמייכל. און ווען זי זעט אירע איינקליך שיינט אירע אויגן. זי הייבט אן טרערן און זאגט איבער און איבער, "מיינע אוצרות, ווי נאנט איז געווען אז איך זאל עס פארלירן."

באבי האכמאן פלעגט נישט מיד ווערן צו דערציילן און איבערדערציילן איר געשיכטע אז אירע אייניקלעך זאלן דאס וויסן און געדענקען.

מערערע פון אירע אייניקלעך האבן שוין באשריבן איר העלדישע געשיכטע אין סקול ווען עס האט זיך אויסגעפעלט. איינער פון די אייניקלעך האבן אפילו אויפגעשפילט די באבע'ס לעבנס געשיכטע. עס איז געווען ספעציעל רירנד ווייל באבי האכמאן איז דארט געווען און ארויפגעקומען נאך די שפיל און גערעדט אפאר ווערטער. עס איז נישט געווען א טרוקן אויג אין זאל.

יעצט ליגט שוין באבי שוואך. די באבע איז שוין נישט יונג. זי איז שוין ב"ה נענטער צו די ניינציג. אבער איר שמייכל איז יונג און פריש.

מירי איז היינט נישט געגאנגען אין סקול. זי איז געבליבן אינדערהיים צו גיין פארברענגען מיט איר באבע. ווען די באבע האט זיך דערוואָרימט און האט אויסגעזען רואיג האט מירי געפרעגט, "וויאזוי באבי? וויאזוי האסטו זיך געהאלטן אזוי שטארק? איך קוק זיך ארום מיט מיינע קליינע נסיונות, מיט מיינע חבר'טעס און איך זע אז אפילו



צווישן ערליכע און פרומע מיידלעך איז מיר שווער צו טון וואס איז ריכטיג.

די באבע האט אויפגעהויבן אירע ליבליכע אויגן צו איר טייערע אייניקל און איר געזאגט מיט א מיסטעריע אין איר קול. "איך האב איבערגעלאזט א צוואה. דארט וועסטו עס זען."

מירי האט נישט געוואוסט וויאזוי צו רעאגירן. וואס זאגט מען יעצט, "איך קען קויםווארטן?! חלילה."

זי האט צעשמייכלט אין געדאנק פון איר אייגענע וויץ. ווייזט אויס אז די באבע איז געווען קלוגער ווי זי האט געטראכט.

א דינע שמייכל האט זיך אויסגעצויגן איבער איר געזיכט, "דארפסט זיך נישט האלטן נייגעריג. איך וועל דיר אויסזאגן די סוד, טייער קינד. אז מען לעבט מיט תכלית און מען געדענקט אז מיר דארפן נאר געפעלן פאר די בורא, ווייסט מען שוין וואס צו טון."

א קלאפ אין טיר האט זיך געהערט. חנה פריידי איז אריין.

מירי האט געקוקט אויפ'ן זייגער און זיך געכאפט, "אוי עס איז שפעט. איך דארף גיין. א גוטע נאכט באבי."

חנה פריידי האט זיך אראפגעזעצט נעבן איר באבע.

"וואס מאכסטו באבי? וויאזוי שפירסטו?"

זי האט אלעמאל געשעצט איר באבע. די באבע איז געווען א קלוגע, אן ערליכע. פאר די באבע קען זי דערציילן.

"באבי, איך בין אזוי צעריסן. איך ווייס נישט וואס צו טון."

"וואס גייט פאר?" פרעגט די ערליכע באבע חוה מיט אפענע זארג.

״מיין מאן. ער האט געטראפן אן ערליכע איד. אן ערליכע פלאץ. עס מאכט אים בעסער, ערליכער.״

״אוי ווי טייער.״ זאגט די באבע מיט שטאלץ.

״עם... אבער... אבער... איך ווייס נישט... מען לאכט פון מיר, מען טרייבט שפאס. איך ווייס נישט. ברסלב. אומאן. איך ווייס נישט. איך בין צעמישט. פון איין זייט, ווייס איך וואס דער אייבערשטער וויל, פון די צווייטע זייט, בין איך אזוי צעפליקט. מיינע פריינד, מיינע ארומיגע, איך ווייס נישט. איך ווייס אליינס נישט אויב איך בין ביי די אמת. באבי, וואס איז ריכטיג? וואס טוט אן ערליכע פרוי? וואס וויל דער אייבערשטער פון מיר?״

די באבע האט פארמאכט אירע אויגן. זי איז צוריקגעשווימען זיבעציג יאר. אויך זי איז געווען א יונג ווייבל אזויוי חנה פריידי. אויך זי האט געדארפט אויסוועלן צווישן חבר׳טעס און געזעלשאפט אדער טון וואס דער אייבערשטער וויל.

די נסיונות זענען געווען אנדערש, אזוי גייט עס אלעמאל. עס איז קיינמאל נישט די זעלבע, ווען יא וואלט נישט געווען קיין בחירה. אבער די שפיל איז געווען די זעלבע.

א בחירה.

צו וועט חנה פריידי קענען בוחר זיין בטוב?

...

די באבע׳ס צוואה:

טייערע אייניקלעך, איר קומט מיר כסדר פרעגן וויאזוי? איר זאגט מיר אז היינט איז אנדערש. ריכטיג. היינט פארשטייסטו נישט די נסיון וואס מיר זענען אריבער. עס איז געווען שווער. זייער שווער. מען האט געלאכט. מען האט נישט געשעצט. מען האט דיר אונטערגעשאצט. אבער מיר האבן געוואוסט אז מיר דארפן קוקן כסדר אויף זיך, ״וואס האב איך אין מיין האנט?״ ביי מיר ליגט תורה, תפילה, שמירת שבת, אמונת צדיקים. וואס גייט מיר אן וואס יענער זאגט? וואס קוק איך אויף יענעם?

ווען מען קוקט אויף צוריק, זאגט די וועלט, דארף מען נישט קיין גלעזער. מען זעט אלעס קלאר. היינט קוקסטו זיך ארום, מיין ליכטיג קינד, און דו וואונדערסט זיך ״וואס איז געווען די נסיון? עס איז דאך קריסטאל קלאר.״

אבער איך וויל, קינד מיינס, דו זאלסט וויסן און געדענקען אז אין יעדע דור איז דא נסיונות. אלעמאל וועט מען שפעטן אז א איד וויל זיין ערליך. צומאל איז ער פאנאטיש און צומאל איז ער נישט מיט אלעמען און אמאל וועט מען דיר אפילו זאגן אז דו נארסט זיך, ׳נישט דאס און דער מיינט א ערליכע איד׳.

איך לאז דיר היינט בצוואה טייערע קינד, קוק אלעמאל וואס דו האסט אין האנט. קוק וואו דער צדיק ברענגט דיר. און אז דו וועסט דאס האלטן פאר די אויגן וועסטו קיינמאל נישט דערלייגן. אמונה מיינט גלייבן. ווען מען זעט שוין די סוף איז שוין נישט קיין קונץ. אמונת חכמים איז דוקא ווען מען זעט נאכנישט די סוף פון די בילד. אויף צוריקצוזעגס דארף מען נישט זיין א חכם. איזהו חכם? ווער איז א חכם? דער וואס זעט פאראויס הרואה את הנולד, ער זעט און ער גלייבט באמת אז ״נאכגיין א צדיק און פאלגן א צדיק... אוי ווי זיס ווען מען קוקט צוריק!״

היינט ווען מען זעט שוין די סוף, מען זעט שוין די נחת, איז שוין נישט קיין קונץ צו זאגן ״אוי, האט זיך עס געלוינט.״ אבער פאר דיר קינד מיינס, זאג איך אצינד. דו וועסט געוויס האבן נסיונות אין דיין לעבן, דו וועסט זיך אנטרעפן מיט א שלאכט.

ליין נישט מיין בריוו ״אויב״ דו וועסט זיך אנטרעפן, נאר ״ווען״ דו וועסט זיך אנטרעפן. געדענק וואס דיין פרומע באבע זאגט דיר, ״אין יעדע דור איז דא נסיונות, נאר די בימה (סטעידש) איז אין יעדע תקופה אנדערש. דער יצר הרע וויל אונז אוועקשלעפן פון אייבערשטן. די ערשטע טאקטיק אזי דורך אונז אוועקשלעפן פון ערליכע אידן פון צדיקים און אזוי פאלט דער איד נאכדעם אינגאנצן אוועק. דער צדיק, דער ערליכער איז איז די רוח החיים, די לופט וואס די נשמה דארף צו עקזעסטירן (ליקוטי מוהר״ן ס׳ ח׳). און אויב חלילה מען שניידט זיך אפ פון ערליכע אידן, דאן שניידט מען זיך אפ פונעם אייבערשטן.״

וואויל איז דער וואס קלאמערט זיך בדרך התורה און איז זיך מדבק מיט צדיקים. אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא.

חוה האכמאן

# בלעטעלע

ראש השנה שנת תשפ"ו